STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01323

# KOMEDYEN

## Anton Pavlovich Chekhov

•

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by The F. Weiler Charity Fund*
*in memory of*
*Jack D. Weiler*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַנטאָן טשעכאָוו

# קאמעדיען:

## דער בער

## דער שדוך

איבערזעצט פון א. פרומקין.

---

פערלאג: מייזעל עט קא.
244 גרענד סטריט, ניו יאָרק.

Copyright, 1911, by Maisel Co., New York.

# דער בער

א קאָמעדיע אין איין אקט.

---

## פּערזאָנען:

העלענא איוואנאָווגא פּאָפּאָוו, א יונגע אלמנה, מיט חן־גריבע־לעך אויף די באַקען, גוטסבעזיצערין.

גריגארי סטעפּאנאוויטש סמירנאָוו, נים קיין אַלטער גוטסבע־זיצער.

לוקא, מאַדאַם פּאָפּאָוו'ס לאַקיי, אַן אַלטער.

א גערטנער.

א קוטשער.

עטליכע ארבייטער.

די האַנדלונג קומט פֿאָר אויף מאַדאַם פּאָפּאָוו'ס פּאָלוואַרק.
צייט: די געגענוואַרט.

די ביהנע שטעלט פאר דאָס גאַסט־צימער ביי מאַדאַם פּאָפּאָווּ אין הויז. אין מיטען וואַנד אַנטקעגען די צושויער אַ טיר און רעכטס פון איהר אַ גלעזערנע שאַפע מיט קונסט־זאַכען. לינקס אַ שטעה־שפּיעגעל מיט אַ דאַמען שרייב־טיש. אין דער רעכטער זייט אין דער וואַנד אַ פענסטער און נעבען דעם אַ טישעלע, ארומגעשטעלט מיט פיער שטוהלען. אַנטקעגען פענסטער אין דער לינקער וואַנד אַ צווייטע טיר און נעבען דעם, אין ווינקעל, אַ קאַנאַפּע, אַ לאַנגער טיש און דריי שטוהלען, צוויי אין דער לענג און איינער אין דער ברייט פון טיש.

## ערשטער אויפטריט.

מאַדאַם פּאָפּאָוו, לוקאַ.

מ א ד א ם פּ אָ פּ אָ ו ו: (אין טיעפען טרויער, זיצט אויף׳ן קאַנאַפּע רעכטס און קוקט שטאַרק פערטיעפט אין אַ פאָטאָגראַפיע).

ל ו ק א: ס׳איז אַן עולה, בעל־הבית׳טע לעבען... איהר מאַכט אַ תל פון זיך. די דיענסט־מויד און די קעכין זיינען אוועק קלייבען יאגדעס, אַלצדינג וואָס אָטהעמט פרעהט זיך, אפילו די קאַץ וויים אויך הנאה צו האָבען פון איהר לעבען — שפּרינגט ארום אין הויף און כאַפּט פויגעלאך; נאָר איהר פינסטערט אָב דעם גאַנצינקען טאָג אין שטוב, פּונקט ווי אין אַ קלויסטער, און ווייסט ניט פון קיין שום פרייד... יאַ, כ׳לעבען, אז מען זאָל ריכטיג בע־רעכענען, זייט איהר שוין אַ יאָהר נאָכאַנאַנד פון הויז ניט ארוים.

מ א ד א ם פּ אָ פּ אָ ו ו: און איך וועל קיינמאָל ניט ארויסגעהן... נאָך וואָס? מיין לעבען איז געענדיגט... ער ליעגט אין קבר, איך האָב מיך צווישען אָט די פיער ווענד בעגראָבען... מיר זיינעןביידע געשטאָרבען.

ל ו ק א: אָט האָסט דו דיר! מיינע אויערן וואָלטען עס בע־סער ניט געהערט, בנאמנות! ניקאָלאַי מיכאילאָוויטש איז גע־

שטאָרבען, ס'איז גאָט'ס רצון געוועזן אזוי, זאָל איהם גאָט געבען די אייביגע רוה... איהר האָט זיך גענומען צום הארצען, נו, וויפיעל איז דער שיעור? שוין צייט אויפצוהערען. מען קען ניט אייביג וויינען און טרויער־קליידער טראָגען. ביי מיר אויך איז מיט יאָהרען צוריק מיין אלטע געשטאָרבען... איך האָב זיך גענומען צום הארצען, א חודש נאָכאנאנד האָב איך געוויינט און גענוג. צי קען מען דען אייביג קלאָג־ליעדער זינגען? די אלטע איז דאָס גאָר ניט ווערטה געוועזן. ((ער זיפצט). איהר האָט אָן אלע שכנים פערגעסען... ניט איהר פאָהרט ארויס, ניט איהר ווילט מען זאָל צו אייך קומען צו גאסט. מיר לעבען, זייט מיר מוחל, ווי די שפינען, — דעם ליעבען שיין פון טאָג זעהען מיר ניט אָן, די ליווריע מיינע האָבען די מייז אויפגעפרעסען... און כ'וואָלט געזאָגט, ס'זיינען ניטאָ קיין גוטע מענשען — איז אָבער דער געגענד דוקא פול מיט כאמע שררות... אין ריבלאָוו שטעהט דער רעגימענט, אָפיצערען — איינפאך צוקער־געבעקס, מען קען זיך ניט זאט אָנקוקען אויף זיי! און אין לאגער איז יעדען פרייטאג א באל, און יעדען טאָג שפּיעלט די מיליטער־מוזיק... אך, מיין טייערינקע, גוטינקע בעל־הבית'טיטשקע! אזוי יונג און אזוי שעהן ווי איהר זייט, מילך און בלוט, אז איהר וואָלט נאָר געוואָלט הנאה האָבען פון אייער לעבען... די שעהנקייט האלט דאָך ניט אָן אויף אייביג! עס וועלען אריבערגעהן א יאָהר צעהן, וועט איהר גערן וועלען צוריקכאפּען און ארויסגעהן אויף'ן יאכט נאָך די העררן אָפיצירען, אָבער ס'וועט שוין זיין צו־שפּעט.

מ א ד א ם פּ א פּ אָ ו ו (ענטשלאָסען): כ'בעט דיך, דו זאָלסט מעהר צו מיר ניט ריידען דערפון! דו ווייסט, אז זינט ניקאָלאי מיכאילאָוויטש איז געשטאָרבען האָט דאָס לעבען פאר מיר קיין שום ווערטה ניט... דו מיינסט, איך לעב, אָבער ס'דוכט זיך דיר נור אויס אזוי! כ'האָב ביים קבר א נדר געטהאָן ניט אויסצוטהאָן די טרויער־קליידער און ניט אנצוזעהן די וועלט... דו הערסט? זאָל זיין נשמה זעהן, ווי איך האָב איהם ליעב... יא איך ווייס, ס'איז פאר דיר קיין סוד ניט — ער איז אָפט געוועזן אונגע־

רעכט אנטקעגען מיר, גרויזאם און... און אפילו ניט געטריי, אָבער איך וועל איהם בלייבען געטריי ביז צום קבר און איהם ווייזען ווי איך קען ליעבען... דאָרט אויף יענער וועלט וועט ער מיך דערזעהן פונקט אזא ווי איך בין געווען ביז זיין טויט...

לוקא: נאָך וואָס אָט די ווערטער, איהר וואָלט ליעבערשט געקענט ארויסגעהן אין גארטען שפאצירען, צי הייסען איינשפאנען טאָבי'ן אָדער דעם וועליקאן און אריבערפאָהרען צו גאסט צו די שכנים?

מאדאם פּאָפּאָוו: אך! (וויינט).

לוקא: הארינטע!.. מוטערל!.. וואָס איז מיט אייך? אום גאָטעס ווילען!..

מאדאם פּאָפּאָוו: ער האָט טאָבי'ן אזוי ליעב געהאט! ער איז אלעמאָל געפאָהרען אויף איהם צו קאָרטשאגין'ען און צו וולאסאָוו'ן. ווי גרויסארטיג ער פלעגט אָנטרייבען! ווי שעהן ער האָט אויסגעזעהן, בשעת ער פלעגט מיט אלע כחות א ציה טהאָן די לייצעס צו זיך! געדענקסט? טאָבי, טאָבי! הייס, מען זאָל איהם היינט געבען אן אכטעל האָבער מעהר!

לוקא: צו בעפעהל.

ס'הערט זיך א שטארקע קלינגעריי.

מאדאם פּאָפּאָוו (טהוט א ציטער): ווער איז דאס? זאָג, אז איך נעהם קיינעם ניט אויף!

לוקא: צו בעפעהל! (ער געהט ארויס דורך די מיטעלסטע טיר).

## צווייטער אויפטריט.

### מאַדאַם פּאפּאוו אליין.

מאדאם פּאָפּאָוו (קוקענדיג אויף דעם פארטרעט): דו וועסט זעהן, ניקאָל, ווי אזוי איך קען ליעבען און פערצייהען... די ליעבע מיינע וועט זיך מיט מיר אינאיינעם פערלעשען, ווען מיין ארים הארץ וועט אויפהערען קלאפּען. (זי שמיכעלט דורך די טרעהרען). און דו שעהמסט זיך גארניט? איך בין א בראווע, געטריי

ווייבעל, כ'האב זיך פערשפארט אזוי ווי אין א תפיסה און וועל דיר בלייבען געטריי ביז צום קבר, און דו... און דו... שעהמסט זיך גאר־ניט, שטופקעלע! מיר אונטריי געוועזען, סקאנדאלען מיר געמאכט, וואכען לאנג מיך געלאזען אליין...

לוקא קומט אריין שטארק אויפגערעגט.

## דריטער אויפטריט.

מאדאם פאפאוו, לוקא.

ל ו ק א: בעל־הבית'טע לעבען, אימיצער פרעגט זיך אויף איך, וויל אייך זעהן...

מ א ד א ם פ א פ א ו ו: דו האסט דאך געזאגט, אז זינט מיין מאן איז געשטארבען, נעהם איך קיינעם ניט אויף?

ל ו ק א: אודאי האב איך געזאגט, אבער ער וויל ניט וויסען דערפון. ער זאגט, ס'איז זעהר א נעטיגער ענין.

מ א ד א ם פ א פ א ו ו: איך נע—הם קיי—נעם ניט אויף!

ל ו ק א: איך האב איהם דאס געזאגט, אבער ער איז א וויל־דער מענש, ער האט זיך געזידעלט און זיך איינפאך אריינגעשפארט מיט געוואלד אין הויז אריין... ער שטעהט שוין אין עס־שטוב...

מ א ד א ם פ א פ א ו ו (אויפגערעגט): נו, לאז איהם אריין. ס'ארא גראבע מענשען!

לוקא געהט אב דורך די מיטעלסטע טיר.

מ א ד א ם פ א פ א ו ו: ווי לעסטיג די מענשען זיינען! וואס ווילען זיי פון מיר? פאר וואס לאזען זיי מיך ניט צו־רוה? (זיפצט). יא, אפנים, כ'וועל ווירקליך מוזען אוועק געהן אין א קלוי־סטער... (פערטראכט זיך). יא, אין קלויסטער...

סמירנאוו קומט אריין, נאך איהם לוקא.

## פערטער אויפטריט.

מאדאם פאפאוו, לוקא, סמירנאוו.

ס מ י ר נ א ו ו (צו לוקאן): בולוואן, פלאפעלסט צופיעל... עזעל!.. (דערזעהענדיג מאדאם פאפאוו, מיט רעספעקט). מיין גנעדיגע,

כ'האב די עהרע זיך פארצושטעלען: געוועזענער ארטילעריי־לייטענאנט, גוטס־בעזיצער, גריגארי סטעפאנאוויטש סמירנאוו! כ'בין געצוואונגען אייך צו בעלעסטיגען וועגען א זעהר וויכטיגען עניז...

מאדאם פאפאוו (ניט געבענדיג איהם די האנד): וואס האט איהר מיר צו זאגען?

סמירנאוו: אייער זעליגער מאן, מיט וועמען איך האב געהאט די עהרע בעקאנט צו זיין, איז מיר שולדיג געבליבען אויף צוויי וועקסלען צוועלף הונדערט רובעל. אזוי ווי איך דארף מארגען איינצאהלען פראצענט אין דער באנק, וואלט איך אייך געוואלט בעטען, מיר צו בעצאהלען דאס געלד נאך היינט...

מאדאם פאפאוו: צוועלף הונדערט... און פארוואס איז אייך מיין מאן שולדיג געבליבען דאס געלד?

סמירנאוו: ער האט ביי מיר געקויפט האבער.

מאדאם פאפאוו (זיפצענדיג צו לוקא'ן): לוקא, ניט פערגעסט אלזא אנזאגען, מען זאל טאבי'ן געבען אן אכטעל האבער מעהר. (לוקא געהט אב; צו סמירנאוו): אויב ניקאליי מיכאילאוויטש איז אייך שולדיג געבליבען, וועל איך, פערשטעהט זיך, בעצאהלען, אבער ביטע, ענטשולדיגט, כ'האב גראד היינט דאס געלד ניט ביי מיר. איבערמארגען קומט מיין געשעפטס־פיהרער צוריק פון שטאדט, וועל איך איהם הייסען, ער זאל אייך בעצאהלען וואס אייך קומט, אבער ביז דאן קען איך אייער וואונש ניט ערפילען... א חוץ דעם איז גראד היינט געווארען זיבען חדשים, אז מיין מאן איז געשטארבען, און איך בין ניט אויפגעלייגט זיך אבצוגעבען מיט געלד־זאכען.

סמירנאוו: און איך בין אין אזא שטימונג, אז אויב איך צאהל מארגען ניט איין די פראצענט, וועל איך מוזען פליהען מיט די פיס ארויף דורך'ן קוימען. מען וועט מיר מיין גוט צונעהמען!

מאדאם פאפאוו: איבערמארגען קריגט איהר דאס געלד.

סמירנאוו: כ'דארף דאס געלד ניט איבערמארגען, נאר היינט.

מ א ד א ם  פ א פ א ו: פערציייהט, היינט קען איך אייך ניט צאהלען.

ס מ י ר נ א ו: און איך קען ביז איבערמארגען ניט ווארטען.

מ א ד א ם  פ א פ א ו: וואס זאל איך אבער טהאן, אז איך האב עס פארט ניט איצט!

ס מ י ר נ א ו: איהר קענט ניט צאהלען, הייסט עס?

מ א ד א ם  פ א פ א ו: איך קען ניט...

ס מ י ר נ א ו: הם... איז דאס אייער לעצט ווארט?

מ א ד א ם  פ א פ א ו: יא, דאס לעצטע.

ס מ י ר נ א ו: דאס לעצטע? בעשטימט?

מ א ד א ם  פ א פ א ו: בעשטימט.

ס מ י ר נ א ו: א שעהנעם דאנק אייך. ס'איז גוט צו ווי־סען. ((ער ציהט מיט די פלייצעס). און דא פערלאנגט מען נאך, איך זאל זיין קאלטבלוטיג! דער אקציזניק בעגעגענט מיר נור וואס אויפ'ן וועג און פרעגט: „פארוואס נעהמט איהר זיך תמיד צום הארצען, גריגארי סטעפאנאוויטש?" יא, כ'בעט אייך, ווי אזוי זאל איך זיך ניט נעהמען צום הארצען? כ'דארף האבען געלד, דער חלף ליגט מיר אויפ'ן האלז... נעכטען איז־דער־פריה ביז איך בעגינען ארויסגעפאהרען פון הויז און געוועז ביי אלע מיינע בעלי חובות. זאל דאס כאטש איינער פון זיי בעצאהלען זיין חוב! אויסגעמור־טשעט האב איך זיך ווי א הונד, כ'האב איבערגענעכטיגט, ווייסט דער טייוועל וואו, ערגעץ אין א אידישער קרעטשמע, לעבען א פעי־סיל בראנפען... ענדליך קום איך שוין אהער, זיבעציג וויארסט פון דער היים, און האף צו קריגען געלד, נו, איז מען מיר מכבד מיט „אויפגעלייגטקייט!" ווי אזוי זאל איך זיך ניט נעהמען צום האר־צען?

מ א ד א ם  פ א פ א ו: איך גלויב, כ'האב אייך דייטליך געזאגט: דער געשעפטס־פיהרער וועט צוריקקומען פון שטאדט, דאן קריגט איהר דאס געלד.

ס מ י ר נ א ו: איך בין ניט געקומען צום געשעפטס־פיה־רער, נאר צו אייך! צו'ן אלדע שווארץ יאהר — נים נעהמט פאר

אומגוט דעם אויסדרוק, אבער וואס געהט מיך אן אייער געשעפטס־פיהרער!

מאדאם פאפאוו: ענטשולדיגט, געעהרטער העדר, איך בין ניט געוואוינט צו אזעלכע מאדנע אויסדריקע און צו אזא טאן. כ'האב מיט אייך מעהר ניט וואס צו ריידען. (זי געהט גיך אב נאך לינקס).

## פינפטער אויפטריט.

סמירנאוו אליין.

סמירנאוו: וואס זאגט מען פארט דערצו? איז ניט אויפגעלייגט? פאר זיבען חדשים איז דער מאן געשטארבען! אבער דארף איך איינצאהלען פראצענט, צי ניט? כ'פרעג, מוז איך צאהלען פראצענט, צי ניט? נו יא, דער מאן איז געשטארבען, ניט אויפגעלייגט און אלערליי שטיק... דער געשעפטס־פיהרער, כאפט איהם דער קאדיק, איז ערגעץ אוועקגעפאהרען, — נו, זאגט פארט, וואס זאל איך טהאן? זאל איך אפשר אין א לופט־באלאן אוועקפליהען פון מיינע בעלי־חובות? אדער זיך שלאגען קאפ אן וואנד? קום איך צו גרוזדעוו'ן, איז ער ניטא אין דער היים; יאראשעוויטש האט זיך בעהאלטען, מיט קורצינען'ען האב איך זיך צוקריגט אויף טויט און איך האב איהם שיער ניט ארויסגעווארפען דורך'ן פענסטער; מאזוטאוו האט די לויפעניש און אט די דא — איז ניט אויפגעלייגט! קיין שום הונד וויל ניט צאהלען! און דאס איז אלצדינג דערפאר, וואס איך האב זיי אלעמען צופיעל פערצויגען, וואס איך בין א קלאג־מוטער, א שמאטע, אן אלטע באבע! כ'האב צופיעל איינזעהעניש מיט זיי! אבער װארט אקארשט! איהר וועט זיך נאך דערוויסען ווער איך בין! איך ערלויב קיינעם ניט מיט מיר שפאס צו מאכען, צו'ן אלדע שווארץ יאהר! כ'בלייב דא און איך וועל זיך פון ארט ניט ריהרען, ביז וואנען זי וועט ניט בעצאהלען! בררר!.. ווי בייז איך בין היינט, ווי שרעקליך בייז איך בין! פאר בייזקייט ציטערן מיר אזש די נערווען און כ'קען דעם אטהעם ניט אבכאפען...

פפוי, מיין גאט! איבעל, ניט־גוט, ווערט מיר דערפון! (ער שרייט). דיענער!

לוקא קומט אריין.

## זעקסטער אויפטריט.

סמירנאוו, לוקא.

ל ו ק א: וואס פערלאנגט איהר?

ס מ י ר נ א ו ו: גיב מיר קוואס אדער וואסער!

לוקא געהט אב.

ס מ י ר נ א ו ו: נייז, האסט געהערט א לאגיק! א מענשען ליעגט דער חלף אויפ'ן האלז, ער דארף געלד, באטש העננ זיך, און זי צאהלט ניט, ווייל, פערשטעהט איהר מיך, זי איז ניט אויפגע־לייגט זיך אבצוגעבען מיט געלד־זאכען! נא דיר עכטע פרויען לא־גיק, טורנור־לאגיק! דעריבער האב איך טאקע קיינמאל ניט ליעב געהאט צו ריידען מיט פרויען, און כ'טהו עס אויך איצט ניט גערן. ס'איז מיר א סך גרינגער צו זיצען אויף א פאס מיט פולווער, איי־דער צו ריידען מיט א פרוי. בררר!.. א פראסט איז מיר אריבער איבער'ן לייב. אזוי האט מיך אט די טאליע דעצארנט! כ'דארף גאר פון ווייטען דערזעהן אזא פאעטיש בעשעפעניש, קריג איך גלייך פאר כעס קרעמפף אין די קניע. באטש נעהם און שריי קאראול.

לוקא קומט אריין.

## זיעבעטער אויפטריט.

סמירנאוו, לוקא.

ל ו ק א (דערלאנגט איהם וואסער): די בעל הבית'טע איז קראנק און נעהמט קיינעם ניט אויף.

ס מ י ר נ א ו ו: ארויס פון דאנען!

לוקא געהט אב.

ס מ י ר נ א ו ו: קראנק און נעהמט קיינעם ניט אויף! איז ניט געפידעלט... נעהם ניט אויף! איך בלייב און וועל דא זיצען, ביז דו וועסט געבען דאס געלד... וועסט זיין קראנק א וואך, וועל איך

זיצען דאָ א וואָך... וועסטו קראַנק זיין א יאָהר, וועל איך דאָ בלייבען א יאָהר... מיין געלד, שוועסטערקע, וועל איך שוין ארויסקריגען! מיך נעהמסטו ניט מיט די טרויער־קליידער, און ניט מיט די גריבעלעך אין די באקען... מיר קענען די דאָזיגע גריבעלעך! (ער שרייט ארויס דורך׳ן פענסטער). סימאָן, שפּאַן אויס! מיר פאָהרען ניט אזוי גיך צוריק; כ׳בלייב דאָ. זאָג דאָרט אין שטאַל, מען זאָל געבען די פערד האָבער! דו, אָקס וואָס דו ביזט, דער לינקער פערד האָט זיך שוין ווידער פערפּלאָנטערט אין די לייצעס. (מיט שפּאָט): גאָר נישט ניט... כ׳וועל דיר שוין ווייזען, גאָרנישט ניט... (געהט אוועק פון פענסטער). ס׳איז שלעכט... א היץ ניט אויסצוהאלטען, קיינער צאָהלט ניט, די נאכט האָב איך שלעכט געשלאָפען און דאָ האסטו דיר די טרויער־שלעפּע מיט א פּאַרציע ניט אויפגעלייגטקייט... דער קאָפּ טהוט וועה... זאָל איך אפשר גאָר נעהמען א שנאַפּס? מילא... לאָמיר נעהמען א ביסעל... (שרייט): דיענער!

ל ו ק א (קומט אַריין): וואָס ווילט איהר?

ס מ י ר נ אָ ו ו: דערלאַנג א גלעזעל שנאַפּס!

לוקאַ געהט אב.

ס מ י ר נ אָ ו ו (זעצט זיך און בעטראכט זיינע קליידער): אוף! א פיינער הילוך! ניטאָ וואָס צו ריידען! פערשטויבט, שמוציגע שטיוועל, ניט ארומגעוואשען, ניט פערקעמט, שטרוי אויף דער וועסט; די פריצטעלקע, א קשיא אויף א מעשה, האָט מיך אנגענומען פאר א רויבער. (גענעצט). ס׳איז געווען אביסעל ניט העפליך אריינצוקומען אין א גאסט־צימער אין אזעלכע קליידער, נו יאָ, ס׳מאכט ניט אויס... כ׳ביז דאָ ניט קיין גאסט, נאָר א געלד־מאָהנער, און פאר א געלד־מאָהנער איז ניטאָ קיין געזעץ אין וואָס פאַר א קאָסטיום ער זאָל געהן.

ל ו ק א (קומט מיט׳ן שנאַפּס): איהר ערלויבט זיך צופיעל, מיין הערר...

ס מ י ר נ אָ ו ו (מיט כעס): וואָס?

ל ו ק א: איך... כ׳האָב גאָרנישט... כ׳האָב אייגענטליך...

ס מ י ר נ אָ ו ו: צו וועמען רעדסט דו?! האלט מויל!

לוקא (אן א זייט): אזא בעשעהרטע צרה! דער שד האט זיך אביסעל אנגעזעצט אויף אונזער קאפ. (ער געהט אב).

סמירנאוו: אה, ווי בייז איך בין! אזוי בייז, אז איך וואלט, דוכט זיך, די גאנצע וועלט געקענט צומאלען אויף שטויב... ס'ווערט מיר אזש איבעל... (ער רופט): דיענער!

## אכטער אויפטריט.

מאדאם פאפאוו, סמירנאוו.

מאדאם פאפאוו (קומט אריין מיט אראפגעלאזטע אויגען): געעהרטער הערר, אין מיין איינזאמקייט האב איך מיך איז גאנצען אבגעוועהנט פון מענשען־שטימען און כ'קען ניט פערטראגען קיין געשריי. איך בעט אייך זעהר, ניט שטערט מיר מיין רוה!

סמירנאוו: בעצאהלט מיר מיין געלד, פאהר איך אוועק.

מאדאם פאפאוו: כ'האב אייך אקארשט געזאגט אין אייער מוטער־שפראך: כ'האב דאס געלד איצט ניט ביי דער האנד.ווארט ביז איבער־מארגען.

סמירנאוו: איך האב אויך געהאט די עהרע אייך צו זאגען אין אייער מוטער־שפראך, אז דאס געלד מוז איך האבען ניט איבערמארגען, נאר היינט. אויב איהר צאהלט מיר ניט היינט, מוז איך זיך מארגען אויפהענגען...

מאדאם פאפאוו: וואס זאל איך אבער טהאן, אז איך האב פארט ניט דאס געלד? ווי מאדנע!

סמירנאוו: איהר צאהלט, הייסט עס, ניט גלייך? ניט?

מאדאם פאפאוו: כ'קען ניט...

סמירנאוו: דאן בלייב איך דא און וועל אזוי לאנג זיצען, ביז איך קריג דאס געלד. (זעצט זיך). איהר וועט צאהלען איבערמארגען? אויסגעצייכענט! בלייב איך ביז איבערמארגען. (שפרינגט אויף). כ'פרעג אייך: מוז איך מארגען צאהלען פראצענט, צי ניט?.. אדער גלויבט איהר, אז איך טרייב שפאס?

מאדאם פאפאוו: געעהרטער הערר, כ'בעט אייך, שרייט ניט! דא איז ניט קיין שטאל!

ס מ י ר נ א ו ו: כ'פרעג ביי אייך ניט נאך'ן שטאל, נאר צי מוז איך מארגען אוועקלעגען די פראצענט, צי ניט?

מ א ד א ם פ א פ א ו ו: איהר ווייסט ניט, ווי זיך צו האל־טען אין דער געזעלשאפט פון א דאמע.

ס מ י ר נ א ו ו: נישקשה, כ'ווייס, ווי זיך צו האלטען מיט דאמען.

מ א ד א ם פ א פ א ו ו: ניין, איהר ווייסט ניט. איהר זייט א אונערצויגענער, גראבער מענש. אנשטענדיגע לייט ריידען ניט אזוי מיט דאמען!

ס מ י ר נ א ו ו: אך, אזוי גאר! ווי ווילט איהר פארט מען זאל מיט אייך ריידען? פראנצויזיש אפשר? (פערקרימענדיג די לי־פען). Madame, je vous prie... ווי גליקליך איך בין, וואס איהר בעצאהלט מיר ניט דאס געלד... פארדאן, וואס איך האב אייך גע־שטערט! וואס פאר שעהן וועטער מיר האבען היינט! און ווי פיין די טרויער־קליידער פאסען אייך! (ער פערנייגט זיך מיט שפאט).

מ א ד א ם פ א פ א ו ו: גאר ניט וויציג, נאר גראב.

ס מ י ר נ א ו ו (איבערקרימענדיג): ניט וויציג, נאר גראב! איך ווייס זיך ניט ווי אויפצופיהרען אין דאמען־געזעלשאפט! מיין גנעדיגע, כ'האב אין מיין לעבען א סך מעהר פרויען געזעהן ווי איהר וואראבייטשיקעס! דריי מאל בין איך צוליעב פרויען אויף דועלען געגאנגען, מיט צוועלף פרויען האב איך געשלאגען כפרות, ניין האבען מיט מיר כפרות געשלאגען! נו יא! ס'איז געווען א צייט, ווען איך בין געווען א נארעלע, האניג־זיסע ווערטער האבען זיך מיר פון די ליפען געגאסען, געבויגען און פערנייגט האב איך זיך און קאמפלימענטען געמאכט... געליעבט, געליטען, אנטקעגען דער לבנה געזיפצט, בין אויסגעגאנגען, זיך צושמאלצען און אבגעקיהלט זיך. כ'האב געליעבט לייִדענשאפטליך, משוגע, אויף אלע מאנערען. דער רוח זאל עס נעהמען, ווי א פויגעלע געבאלאקעט וועגען פרויען עמאנציפאציאן, א האלב פערמעגען אויף די דאזיגע צערטליכע גע־פיהלען פערשוועדעט, אבער איצטער — גענוג! ניין, מיין גנעדי־

גע, איצט לאז איך זיך שוין מעהר פון אייך ניט ארומפיהרען ביי דער נאז! „אויגען שווארצע, אויגען פייערדיגע, רויטע ליפען, גרי־בעלאך אין די באקען, לבנה־שיין, שושקעריי, שטילעס אטהעמען”— פאר דעם אלעמען, הערט איהר, גיב איך היינט אפילו ניט קיין קור־פערנעם גראשען! איך רייד ניט פון די אנוועזענדע, אבער אלע פרויען, פון דער קלענסטער ביז דער גרעסטער, זיינען אויפגעבלאזענע, הניפה'ניצעס, פלאפלערקעס, פערדארבענע, פאלש פון קאפ ביז די פיס; פוסט, קליינליך, גרויזאם, מיט א שרעקליכער לאגיק, און וואס איז שייך דערצו (ער גיט זיך א פאטש אין שטערן). ניט נעהמט פאר אומגוט מיין אפענהערציגקייט, אבער איין איינפאכער ווארא־בייטשיק האט מעהר חכמה אין פיאטע איידער א מיניסטער־קאפ אין ווייבער־שע קליידער! טהוסט א קוק אויף אזא מין פאעטישע בעשעפענים —טוהל, עטהער, א האלבע געטין, א מיליאן ענטציקונגען. קוקט מען זיך אבער איין אין דער נשמה אריין, דערזעהט מען א געוועהנליכען קראקאדיל! (ער כאפט זיך אן א שטוהל פון הינטען, הייבט אן דער שטוהל צו קראכען). דאס פערדראסיגסטע דערביי איז, וואס דער דא־זיגער קראקאדיל האט זיך נאך איינגעבילדעט, אז די צארטע געפיה־לען זיינען זיין הויפטווערק, זיין פריווילעגיע און זיין מאנאפאל! כאפט עס דער רוח, איהר קענט מיך אויפהענגען דא אויף דעם דאזיגען טשוואק מיט די פיס ארויף, אויב די פרוי קען גאר אימי־צען ליעב האבען, א חוץ איהר זיידענע קלייד. ווען זי ליעבט, ווייס זי נור איין זאך: כליפען און טרעהרען פערגיסען. וואו דער מאן ליידט און ברייננט אפפער, דארט דריקט זיך איהר גאנצע ליע־בע אוים אין דעם, וואס זי דרעהט זיך ארום מיט איהר שלעפ־קלייד און סטארעט זיך איהם וואס שטארקער ארומצופיהרען פאר דער נאז. איהר האט דאס אונגליק צו זיין א פרוי, הייסט עס, אז איהר קענט נאך זיך אליין די פרויען־נאטור. זאגט זשע מיר, כ'בעט אייך, אויף אייער עהרען־ווארט: האט איהר שוין אין אייער לעבען גע־זעהן א פרוי, וואס זאל זיין אויפריכטיג, געטריי און בעשטענדיג אין איהר ליעבע? איהר האט זי ניט געזעהן! געטריי און בעשטענ־דיג זיינען נור די אלטע און די מיאוס'ע! איהר וועט גיכער טרעפען

א קאץ מיט הערנער אדער א ווייסע וואלד־האז איידער א געטרייע פרוי!

מ א ד א ם פ א פ א ו ו: אבער זייט אזוי גוט, ווער אלזא איז נאך אייער מיינונג נאך געטריי און שטאנדהאפטיג אין דער ליעבע? דער מאן אפשר?

ס מ י ר נ א ו ו: יא, דער מאן!

מ א ד א ם פ א פ א ו ו: דער מאן! (זי לאכט ביז). דער מאן איז געטריי און בעשטענדיג אין ליעבע! זאגט אליין, גאר א נייעס! (מיט היטץ): מיט וואס פאר א רעכט זאגט איהר דאס! די מענער זיינען געטריי און בעשטענדיג! אז עס האלט שוין דער־ביי, וועל איך אייך זאגען, אז פון אלע מענער וואס איך האב גע־קענט און קען, איז דער זעליגער מאן מיינער געווען דער בעסטער... כ'האב איהם ליידענשאפטליך געליעבט, מיט אלע מיינע געפיהלען, ווי א יונגע, דענקענדע פרוי קען נור ליעבען; כ'האב איהם אבגע־געבען מיין יוגענד, מיין גליק, דאס לעבען, מיין פערמעגען, פערגע־טערט און פערהייליגט, האב געדיענט צו איהם ווי א געצען־דיענער און... און וואס איז דער סוף געווען? אט דער בעסטער פון אלע מענער האט מיך אבגענארט אויף שריט און טריט אויף דעם געמיינ־סטען אופן. נאך זיין טויט האב איך אין שרייב־טיש געפונען א פולען שופלאד מיט ליעבעס־בריעף און ביים לעבען — ס'שוידערט מיר זיך צו דערמאנען אן דעם — האט ער מיך גאנצע וואכען נאכ־אנאנד געלאזען אליין, פאר מיר אין די אויגען האט ער זיך גע־שארט צו אנדערע פרויען, אבגעטהאן אלערליי מעשים הינטער מיין רוקען, מיין געלד פערשווענדעט און זיך אויסגעלאכט פון מיינע גע־פיהלען... און ניט קוקענדיג דערויף האב איך איהם געליעבט און בען טריי געווען... יא, נאך מעהר, ער איז געשטארבען און איך בין איהם נאך אלץ געטריי. כ'האב מיך אויף אייביג צווישען די פיער וועגד בעגראבען און ביז צום טויט וועל איך אט די טרויער־קליידער ניט אויסטהאן...

ס מ י ר נ א ו ו (מיט א פערעכטליכען געלעכטער): טרויער־קליידער!.. כ'פערשטעה ניט פאר וועמען איהר האלט מיך. אקוראט

ווי איך ווייס ניט פאר וואס איהר טראגט דאס שווארצע קלייד און פארוואס איהר האט זיך בעגראבען צווישען די פיער וועגד! נאך ווי! דאס איז אזוי געהיימניספול, פאעטיש! עפעס אן אפיציר וועט פערבייפאהרען דעם הויף, אדער א ליימענער גולם א פאעט וועט ארויפקוקען אין די פענסטער און זיך טראכטען: „אט דא לעבט די געהיימניספאלע תמר, וועלכע האט זיך אוים ליעבע צו איהר מאן בעגראבען צווישען די פיער וועגד“. נישקשה, מיר קענען די דאזיגע קונץ־שטיק!

מ א ד א ם  פ א פ א ו ו (שפרינגט אויף): וואס? ווי דער־וועגט איהר זיך מיר דאס צו זאגען?

ס מ י ר נ א ו ו: איהר האט זיך בעגראבען לעבעדיגערהייט, און דאך האט איהר דערביי ניט פערגעסען, זיך אנפודערן דאס גע־זיכט!

מ א ד א ם  פ א פ א ו ו: אבער ווי דערוועגט איהר זיך גאר, מיט מיר אזוי צו ריידען?

ס מ י ר נ א ו ו: שרייט ניט, כ'בעט אייך, איך בין ניט אייער־געשעפטס־פיהרער! ערלויבט מיר אנרופען די זאכען ביים ריכ־טיגען נאמען. איך בין ניט קיין פרוי און בין געוועהנט מיין מיינונג אפען ארויסצוזאגען! כ'בעט אייך, אלזא, שרייט ניט!

מ א ד א ם  פ א פ א ו ו: ניט איך שריי, נאר איהר שרייט. לאזט מיך צו רוה, כ'בעט אייך!

ס מ י ר נ א ו ו: בעצאהלט מיר דאס געלד, וועל איך אוועק־פאהרען.

מ א ד א ם  פ א פ א ו ו: כ'וועל אייך דאס געלד ניט גע־בען.

ס מ י ר נ א ו ו: ניין, איהר וועט געבען!

מ א ד א ם  פ א פ א ו ו: אייך אויף צו להכעים וועט איהר קיין קאפיקע ניט קריגען! איהר זאלט מיך צו רוה לאזען!

ס מ י ר נ א ו ו: כ'האב ניט דאס פערגניגען צו זיין אייער מאן אדער אייער חתן. און כ'בעט אייך דעריבער, מאכט מיר ניט קיין סקאנדאלען! (ער זעצט זיך). איך פערטראג עס ניט.

מ א ד א ם  פ א פ א ו ו (סאפענדיג פאר צארן) : איהר זעצט זיך גאר ?

ס מ י ר נ א ו ו : כ'זיץ שוין.

מ א ד א ם  פ א פ א ו ו : כ'בעט אייך, איהר זאלט אוועק־געהן !

ס מ י ר נ א ו ו : בעצאהלט דאס געלד ! (אן א זייט). אך, ווי בייז איך בין, ווי בייז !

מ א ד א ם  פ א פ א ו ו : מיט אונפערשעהמטע מענשען וויל איך ניט ריידען. ארויס פון דאנען ! (פאוזע). איהר געהט ניט ? ניין ?

ס מ י ר נ א ו ו : ניין.

מ א ד א ם  פ א פ א ו ו : ניין ?

ס מ י ר נ א ו ו : ניין !

מ א ד א ם  פ א פ א ו ו : נו, גוט... (זי קלינגט מיט'ן גלעקעל).

## נייןטער אויפטריט.

די פריהערדיגע. לוקא.

מ א ד א ם  פ א פ א ו ו : לוקא, פיהר ארויס אט דעם הערר'ן !

ל ו ק א (געהט צו צו סמירנאוו'ן) : מיין הערר, געהט דאך ארויס, אז מען הייסט אייך ! וואס ווילט איהר דא...

ס מ י ר נ א ו ו (שפרינגט אויף) : האלט דעם שנוק ! מיט וועמען רעדסט דו ? איך מאך פון דיר אש !

ל ו ק א (כאפט זיך אן ביים הארצען) : טאטע זיסער !.. ליע־בער גאט !..(ער פאלט אין א שטוהל). אך, ס'איז מיר שלעכט, כ'קען דעם אטהעם ניט אבכאפען !

מ א ד א ם  פ א פ א ו ו : וואו איז דאשא ? (רופט) : דאשא ! פעלאגעיא ? דאשא ! (זי קלינגט).

ל ו ק א : אך, זיי זיינען אלע אוועק יאגדעם קלייבען... קיי־נער איז ניטא אין דערהיים ! ס'איז מיר שלעכט ! וואסער !

מ א ד א ם  פ א פ א ו ו  (צו סמירנאָוו׳ן): זייט מוחל און טראָגט זיך אַב! וואַן!

ס מ י ר נ א ו ו: ווילט איהר ניט זיין אביסעל העפליכער?

מ א ד א ם  פ א פ א ו ו  (צונויפדריקענדיג די פויסטען און קלאפּענדיג מיט די פּיס): איהר זייט א מוזשיק! א גראָבער בער! א שד!

ס מ י ר נ א ו ו: וואָס, וואַ—אַם האָט איהר געזאָגט?

מ א ד א ם  פ א פ א ו ו: כ׳האָב געזאָגט, אַז איהר זייט א בער, א שד!

ס מ י ר נ א ו ו  (געהט צו מיט שנעלע טריט נעהענטער צו איהר): אָבער זייט אזוי גוט, וואָס פאַר א רעכט האָט איהר, מיך צו בעליידי־גען?

מ א ד א ם  פ א פ א ו ו: יאָ, איך בעליידיג אייך. וואָס איז אזוינס? איהר מיינט, איך האָב מורא פאַר אייך?

ס מ י ר נ א ו ו: און איהר מיינט אפנים, אלס פּאָעטיש בריאה׳לע האָט איהר א רעכט צו בעליידיגען און בלייבען אונבע־שטראָפט? איך פאָדער אייך ארויס!..

ל ו ק א: דערבארימדיגער גאָט! וואַסער!

ס מ י ר נ א ו ו: א דועל מוז זיין!

מ א ד א ם  פ א פ א ו ו: איהר מיינט, דערפאַר וואָס איהר האָט שטאַרקע פויסטען און א האַלז פון א בורלאַק, האָב איך מורא פאַר אייך? גראָביאַן וואָס איהר זייט!

ס מ י ר נ א ו ו: אויף א דועל! איך ערלויב קיינעם ניט, מיך צו בעליידיגען, און מאַך זיך קיין צימעס ניט דערפון וואָס איהר זייט א דאַמע, א צאַרטעס וועזען!

מ א ד א ם  פ א פ א ו ו  (סטאַרעט זיך איהם אריבערצושרייען): בער! בער! בער!

ס מ י ר נ א ו ו: ס׳איז שוין צייט אמאָל, אָוועקצומאַכען מיט דעם אַלטען פאַראורטהייל, אז נור מענער זיינען מחויב אָבצוגעבען דין וחשבון פאַר א בעליידיגונג. אז גלייכע רעכטע, טאָ זאָל זיין

גלייכע רעכטע אין אלצדינג, צום אלדע שווארץ יאהר! אויף א דועל!

מאדאם פאפאוו: איהר ווילט אויף א דועל? גוט!

סמירנאוו: טאקי שוין!

מאדאם פאפאוו: שוין די מינוט! דער מאן מיינער האט געהאט פיסטוילען... כ'ברייננ זיי שוין אריין. (זי געהט אוי־לענדיג אב און קעהרט זיך אום). אה, מיט וואס פאר א פערגניגען וועל איך אייך ארייניאגען די קויל אין דעם אונפערשעהמטען שטערן אריין! דער טייוועל זאל אייך נעהמען! (געהט אב).

סמירנאוו: ווי א היהנדעלע וועל איך זי דערשיסען! נישקשה, כ'בין ניט קיין גרין אינגעל, קיין סענטימענטאלער הינ־טעל — פאר מיר זיינען ניטא קיין צארטע ברואים!

לוקא: פאטערל, (ער פאלט אויף די קניע) האב רחמנות אויף מיר, אויף אן אלטען מאן, טהו מיר א טובה און געה אוועק פון דאַ־נען! דו האסט מיך דערשראקען אויף טויט און איצט ווילסטו זיך גאר שלאגען אויף א דועל!

סמירנאוו (הערט איהם ניט): דועלירען — אט דאס איז טאקע גלייכבערעכטיגונג, עמאנציפאציאן! דערביי זיינען ביידע געשלעכטען גלייך! אוים פרינציפ וועל איך זי דערשיסען! אבער וואס זאגט מען פארט צו אזא פרוי? (נאכאַהמענדיג): „דער טייוועל זאל אייך נעהמען! איך וועל אייך ארייניאגען די קויל אין דעם אונפערשעהמטען שטערן אריין!" וואס זאגט מען דערצו? האט זיך צוקאכט, די אויגען האבען זיך צובליצט... זי האט אנגענו־מען די פאדערונג! אויף מיין עהרענווארט, צום ערשטען מאל איז מיין לעבען זעה איך אזא פרוי...

לוקא: פאטערל, געה אוועק! איך וועל פאר דיר אייביג גאט בעטען!

סמירנאוו: אט דאס הייסט א פרוי! דאס בעגרייף איך! אן אמת'ע כוואטסקע ווייבעל! ניט קיין ווייכער טייג, ניט צורונען, נאר פייער, שיס־פולווער, א ראקעטע! ס'א שאד אזא פרוי צו דערשיסען!

לוקא (וויינט): פאטערל׳ גוטע אוועק!

סמירנאוו: זי געפעלט מיר פאזיטיוו! פאזיטיוו! מיט די גריבלאך אין די באקן אפילו געפעלט זי מיר! איך בין זאגאר גרייט, איהר דעם חוב נאכצולאזען... און דער כעס איז מיר פערגאנגען... א מערקווירדיגע פרוי!

מאדאם פאפאוו קומט מיט די פיסטוילען.

## צעהנטער אויפטריט.

די פאריגע און מאדאם פאפאוו.

מאדאם פאפאוו: אט זיינען זיי די פיסטוילען... אבער איידער מיר געהען זיך דועלירען, ווייזט מיר, כ׳בעט אייך, ווי אזוי מען שיסט... כ׳האב נאך קיין מאל אין מיין לעבען קיין פיסטויל אין האנד ניט געהאלטען.

לוקא: גאט זאל זיך אויף אונז דערבארעמען! כ׳וועל געהן נאך׳ן גערטנער מיט׳ן קוטשער... פון וואנען האט זיך גענומען אויף אונז דאס דאזיגע אנשיקעניש? (ער געהט אב).

סמירנאוו (בעטראכט די פיסטוילען): זעהט איהר, ס׳זיינען דא פערשיעדענע סארטען פיסטוילען... פאראן ספעציעלע דועל־פיסטוילען פון מארטימער, מיט קאפסולען. די אבער זיינען רעוואלווערען פון סמיטה און וועסאן׳ס סיסטעם, מיט אן עקסטראקטאר... גרויסארטיגע פיסטוילען! אזא פאר קאסטען וועניגסטענס נייצינ רובעל... אזוי מוז מען דעם רעוואלווער האלטען... (אן א זייט). אט די אויגען, די אויגען! א פייערדיגע פרוי!

מאדאם פאפאוו: אזוי?

סמירנאוו: יא, אזוי... דאן עפענט אב דאס רעהרעל... אט... אזוי דעם ארם שטרעקט אוים פעסט! אזוי... דאן גיט א דריק מיט דעם פינגער אויף דער מאכעריי, און דאס איז אלעס... דער עיקר איז אבער ניט אויפגערעגט זיין, ניט איילען זיך ביים צילעווען און אכטונג געבען, די האנד זאל ניט ציטערן.

מאדאם פאפאוו: גוט. אין צימער איז ניט בעקוועם צו שיסען, לאמיר ארויסגעהן אין גארטען.

ס מ י ר נ א ו ו: לאמיר געהן. כ'זאג אייך אבער אפריהער, אז איך וועל שיסען אין דער לופטען.

מ א ד א ם פ א פ א ו ו: נא דיר גאר א נייעס! פאר וואס עפעס?

ס מ י ר נ א ו ו: ווייל... ווייל... דאס איז מיין זאך, פאר וואס!

מ א ד א ם פ א פ א ו ו: איהר האט מורא געקראגען! יא? א—א—ה? נייז, מיין העררע, נאר ניט ארויסגעמאכט זיך! זייט אזוי גוט, קומט מיט מיר! כ'וועל זיך ניט בערוהיגען, ביז וואנען איך וועל אייך האבען דורכגעלעכערט דעם שטערן, אט דעם שטערן וואס איך האס פון גאנצען הארצען. וואס זשע, איהר האט מורא געקראגען?

ס מ י ר נ א ו ו: יא, כ'האב מורא געקראגען.

מ א ד א ם פ א פ א ו ו: ס'א ליגען. פארוואס ווילט איהר זיך ניט שלאגען?

ס מ י ר נ א ו ו: ווייל... ווייל... איהר געפעלט מיר.

מ א ד א ם פ א פ א ו ו (מיט א בייזען געלעכטער): כ'געפעל איהם! ער וואגט נאך צו זאגען, אז איך געפעל איהם! (זי ווייזט אן אויף דער טיר). געהט אייך!

ס מ י ר נ א ו ו (לייגט שווייגענדיג אנידער דעם רעוואלווער אויף'ן טיש, נעהמט דעם הוט און געהט; ביי דער טיר בלייבט ער שטעהן; א ווייל קוקען זיי זיך אן און ריידען קיין ווארט ניט, דערנאך געהט ער אונענטשלאסען צו נעהענטער): הערט... איהר זייט נאך אלץ בייז?.. כ'בין אויך געווען בייז ווי א טייוועל, אבער פערשטעהט מיך נור אביסעל בעסער... ווי זאל איך דאס אייך אויסדריקען?.. די זאך איז אט וואס... אזעלכע געשיכטען אייגענטליך... (צושרייט זיך אויף'ן קול). נו יא, וואס בין איך שולדיג, אז איהר געפעלט מיר פארט? (ער כאפט אן א שטוהל פון הינטען, דער שטוהל קראכט און ברעכט זיך). ווייס דער טייוועל, וואס פאר א שוואכע מעבעל איהר האט! איהר געפעלט מיר! איהר פערשטעהט? איך... כ'בין כמעט פערליעבט!

מ א ד א ם  פ א פ א ו ו: אוועק פון מיר, איך האס אייך!

ס מ י ר נ א ו ו: גאט! וואס פאר א פרוי! כ'האב קיין מאל אין לעבען אזוי וואס עהנליכעס ניט געזעהן! איך בין פערלארען, רואינירט! כ'בין אין פאסטקע ארייננעפאלען, אזוי ווי א מויז!

מ א ד א ם  פ א פ א ו ו: געהט אייך, אדער איך שיס!

ס מ י ר נ א ו ו: שיסט! איהר קענט גארנישט בעגרייפען, וואס פאר א גליק עס איז אונטער די בליקען פון אט די הערליכע אויגען צו שטארבען, דורך'ן רעוואלווער, וואס דאס דאזיגע קליינ־טשיק סאמעטען הענטעל האלט... איך בין פון זינען אראב! בע־טראכט זיך און ענטשיידעט גלייך אויף'ן שטעל, ווארים טאמער געה איך איצט אוועק פון אייך, וועלען מיר זיך שוין קיינמאל ניט זעהן. ענטשיידעט, רעדט... איך בין פון אדעל, אן אנשטענדיגער מענש, כ'האב אן הכנסה פון צעהן טויזענד רובעל א יאהר... כ'טרעף מיט'ן געוועהר א מטבע, וואס ווערט געווארפען אין דער לופטען... כ'האב גרויסארטיגע, הערליכע פערד. ווילט איהר ווערען מיין פרוי?

מ א ד א ם  פ א פ א ו ו (אויסער זיך פאר כעס, פאכערט מיט'ן רעוואלווער): שיסען! אויפ'ן דועל!

ס מ י ר נ א ו ו: איך בין פון זינען אראב... כ'פערשטעה ניט וואס מיט מיר טהוט זיך. דיענער! וואסער!

מ א ד א ם  פ א פ א ו ו (שרייט): אויף'ן דועל!

ס מ י ר נ א ו ו: כ'בין פון זינען אראב... כ'האב זיך פער־ליעבט, ווי א אינגעל, ווי א דוראק! (ער כאפט איהר אן ביי דער האנד, זי גיט א געשריי פאר שמערץ). כ'האב אייך ליעב! (ער פאלט אויף די קניע). כ'ליעב אייך, ווי איך האב נאך קיינמאל ביז אהער ניט געליעבט! מיט צוועלף פרויען האב איך געשלאגען כפרות, ניין האבען מיט מיר כפרות געשלאגען, אבער קיין איינציגע פון זיי האב איך ניט אזוי געליעבט ווי איך ליעב אייך... איך בין בעזיעגט, פערלארען, כ'ליעג אויף די קניע ווי א דוראק און בעט זיך ביי אייך... א חרפה און א בושה! פינף יאהר נאכאנאנד האב איך זיך ניט פער־ליעבט, כ'האב זיך געטהאן א נדר, און אט בין איך מיט אמאל ארייננעפאלען, ווי א פערד אין א פרעמדען וואגען! איך בעט ביי

איך די האנד, יאַ צי ניין? ווילט איהר ניט? איז ניט. (ער שטעהט אויף און געהט שנעל צו דער טיר).

מאַדאַם פּאַפּאַוו: ווארט אוים...

סמירנאַוו (בלייבט שטעהן): נו?

מאַדאַם פּאַפּאַוו: גאַרנישט... איהר קענט זיך געהן! איבעריגענס, ווארט א ווײַלע! ניין, געהט אייך, געהט אייך! איך האַס אייך! אַדער ניין! געהט ניט אוועק! אַך ווען איהר וואַלט געוואוסט, ווי בייז איך בין, ווי בייז! (זי גיט א וואַרף דעם רעוואַלווער אויף'ן שטוהל). די פינגער זיינען מיר שוין אַנגעשוואַלען פון אַט דער פּאַסקודסטוואַ... (זי צורייסט פאר כעס איהר טאַשענטי־כעל). וואָס שטעהט איהר נאָך דאַ? טראַגט זיך!

סמירנאַוו: זייט געזונד!

מאַדאַם פּאַפּאַוו: יאַ, יאַ, נור געגאַנגען! (שרייט): וואוהין געהט איהר דען? ווארט אוים... איבריגענס, געהט אייך... אַך, ווי בייז איך בין! נור ניט צו נאַהענט, נור ניט צו נאַהענט, ניט אזוי נאַהענט נעבען מיר!

סמירנאַוו: ווי בייז איך בין אויף זיך אליין! אזוי ווי א גימנאַזיסט האַב איך זיך פערליעבט, אויף די קניע בין איך געלעגען... א שווידער געהט מיר אזש אריבער איבער'ן לייב... (שטרענג). איך ליעב אייך! דאָס האָט מיר נאָך געפעהלט! אודאי האַב איך עס נייטיג געדאַרפט האַבען, זיך פערליעבען! מאָרגען מוז איך צאָהלען פּראָצענט, צייט אראַבצונעהמען די היי פון פעלד און אין מיטען דערינען זייט איהר דאַ... (ער נעהמט זי ארום ביי דער טאַליע). כ'וועל זיך קיינמאָל ניט קענען מוחל זיין דערפאר!

מאַדאַם פּאַפּאַוו: אוועק! די הענד נעהמט צו! כ'האָס... אייך!.. אויף'ן דועל! (אַ לאַנגער קוש).

## עלפטער אויפטריט.

די פריגע. לוקאַ. גערטנער. קוטשער. ארבייטער.

לוקאַ, מיט אַ האַק; גערטנער, מיט אַ גראַב־אייזען; קוטשער, מיט אַ היי־גראַבליע; ארבייטער מיט שטאַנגען.

ל ו ק א (דערזעהט דאס פּאָרל וואָס קושט זיך): גרויסער גאָט! (פּאוזע).

מ אַ ד אַ ם פּ אָ פּ אָ ו ו (לאָזט אראָב די אויגען): לוקא, זאָג אין שטאל, מען זאָל טאָבי׳ן היינט גאָר קיין האָבער ניט געבען.

פ א ר ה אַ נ ג.

# דער שדוך

א קאָמעדיע אין איין אקט.

## פערזאנען:

סטעפאן סטעפאנאוויטש טשובוקאוו, א גוטסבעזיצער.

נאטאליא סטעפאנאוונא, טשובוקאוו'ס טאכטער, 25 יאהר אלט.

איוואן וואסיליטש לאמאוו, א יונגער גוטסבעזיצער.

די האנדלונג קומט פאר אין טשובוקאוו'ס הויז, אין עמפפאנג־צימער.

די ביהנע שטעלט פאר דאס גאסט־צימער אין טשובוקאוו׳ס הויז. אַנטקעגען די צושויער אין מיטען וואַנד איז פאַראַן א טיר. פון איין זייט, רעכטס, אַ זילבער־קאַסטען, פון דער אַנדער זייט, לינקס, אַ ביכער־שאַפע. אין דער רעכטער האַנד אַ פענסטער און נעבען דעם שטעהט אַ פיאנא. אַביסעל ווייטער א סאפאַ, אַ טיש און דריי פאטעלען. אין דער לינקער וואַנד ווידער נאַך אַ טיר און ניט ווייט דערפון שטעהט אַ קליין טישעל מיט צוויי שטוהלען.

## ערשטער אויפטריט.

טשובוקאַוו. דערנאך לאמאוו אין אַ פראַק און ווייסע האַנד־שוה.

טשובוקאוו (געהט איהם אַנטקעגען) : אה, מיין ליעבער! וועמען זעה איך דאַ! איוויין וואסיליטש! פרעהט מיך זעהר! (דריקט איהם די האַנד). אַט דאַס הייסט אביסעל אן איבערראשונג. מיין גוטינקער... ווי געהט עס אייך?

לאמאוו: א דאנק. און איהר, וואַס מאכט איהר עפּעס גוטס?

טשובוקאוו: נאַ, ס׳געהט מיין טייערער. ביטע, זיצט... ס׳איז ניט אזוי פיין, מיין ליעבער, אַז די שכנים צו פערגעסען. אַבער, הארצעלע מיינס, פארוואַס עפּעס אזוי יום־טוב׳דיג? איז פראַק, אין האנד־שוה און אזוי ווייטער. אַט הפנים איהר פאהרט ערגעץ צו גאסט, מיין טהייערינקער?

לאַמאוו: ניין. איך קום בלויז צו אייך, געעהרטער סטע־פאן סטעפאנאַוויטש.

טשובוקאַוו: פארוואַס זשע עפּעס אין פראק, איך בעט אייך? פונקט ווי צו א ניי־יאַהר׳ס בעזוך!

לאַמאַוו: זעהט איהר, עס האנדעלט זיך מכח אַט וואַס. (ער כאַפּט איהם פאר׳ן האַנד). כ׳ביז געקומען צו אייך, געעהרטער

כטעפאן סטעפאנאוויטש, מיט א בקשה ביז איך צו אייך געקומען...
ס'איז ניט דאס ערשטע מאל, וואס איך האב די עהרע זיך צו ווענדען צו אייך נאך הילפע, און שטענדיג האט איהר, ווי זאגט מען עס... אבער פערצייהט, איך בין אויפגערעגט. כ'וועל אפריהער נעהמען אביסעל וואסער, געעהרטער סטעפאן סטעפאנאוויטש. (ער טרינקט).

טשובוקאוו (אן א זייט): ער איז אודאי געקומען אנט־לייהען געלד! כ'וועל ניט שטעקען! (צו לאמאוו'ן): מכח וואס זשע האנדעלט עס זיך, טהייערינקער?

לאמאוו: זעהט איהר... געעהרט... סטעפאניטש... ענט־שולדיגט, כ'מיין, סטעפאן, סטעפאן — געעהרטעוויטש... דאס הייסט, איך בין שרעקליך אויפגערעגט, ווי איהר קענט אליין זעהן... הקיצור, נור איהר אליין קענט מיר העלפען, חאטש איך האב עס בכלל ניט פערדיענט און... און איך האב גאר קיין רעכט ניט צו בעטען אייער הילף.

טשובוקאוו: ווייס איך, וואס מאכט איהר דארט פאר הקדמות, הארצעלע מיינס? ארויס דערמיט! נו?

לאמאוו: אט, אט באלד... איז אן אויגענבליק. די זאך איז די: איך בין געקומען בעטען די האנד פון אייער טאכטער נאטאליא.

טשובוקאוו (מיט שמחה): מלאך'ל מיינס! איוואן וואסיליטש! זאגט עס איבער נאך אמאל — כ'האב זיך ניט גוט איינגעהערט!

לאמאוו: איך האב די עהרע צו בעטען...

טשובוקאוו (שלאגט איהם איבער): טייבעלע מיינס, איך בין אזוי צופריעדען און אזוי וו ייטער... אט דאס איז עס טאקי, און אזוי ווייטער. (ער נעהמט איהם ארום און גיט איהם א קוש). דאס האב איך דאך שוין פון לאנג אן געוואונשען. ס'איז תמיד מיין וואונש געווען (ער לאזט פאלען א טרעהר) און איך האב אייך שטענדיג ליעב געהאט, מיין טייערינקער, ווי אן אייגענעם זוהן. זאל אייך גאט ביידען געבען זיין ברכה און זיין גנאד און אזוי ווייטער...
כ'האב זיך עס אימער געוואונשען... אבער פאר וואס זשע שטעה

איך דא, ווי א ליימענער גולם? פאר פרייד בין איך גאר צודולט, איינפאך צודולט בין איך! אך, פון גאנצען הארצען... כ'וועל א רופ טהאן נאטאשא'ן און אזוי ווייטער.

ל א מ א ו ו (געריהרט): געעהרטער סטעפאן סטעפאניטש, ווי מיינט איהר, נאטאליא סטעפאנאוונא וועט איינווילינגען?

ט ש ו ב ו ק א ו ו: ווירקליך אזא שעהנער מאן און... און דא זאל זי גאר אין מיטען דערינען ניט וועלען! פערליעבט ווי א קאטץ, און אזוי ווייטער... אט די מינוט! (ער געהט אב רעכטס).

## צווייטער אויפטריט.

לאמאוו אליין.

ל א מ א ו ו: מיר איז קאלט... א שוידער געהט מיר אריבער איבער'ן לייב, אזוי ווי פאר'ן עקזאמען. דער עיקר איז, מען דארף זיך איינמאל פאר אלע מאל ענטשליסען. אז מען זוכט און רעדט א סך און מען ווארט אויף א אידעאל אדער אויף דער עכטער, ריי־נער ליעבע, האט מען קיינמאל ניט חתונה. ברר!.. ס'איז קאלט! נאטאליא סטעפאנאוונא איז א גוטע בעל־הבית'טע; זי איז אויך ניט מיאוס, געבילדעט... וואס זשע דארף איך נאך? עס רוישט מיר אין די אויערן פאר אויפרעגונג. (ער טרינקט וואסער). און ניט חתונה האבען, דאס געהט ניט... ערשטענס, בין איך שוין אלט פינף און דרייסיג יאהר—ווי זאגט מען עס, שוין אביסעל אריבערגעוואק־סען. צווייטענס דארף איך נעטיג האבען א רוהיגען רעגעלמעסיגען לעבען... כ'האב א הארץ־פעהלער, האב איך, א שטענדיגע הארץ־קלאַ־פעניש. איך בין ספילטשעווע און ווער מורא'דיג אויפגערעגט. גלייך הויבען מיר אן צו ציטערן די ליפען און די רעכטע שלייף קלאפט... אבער שרעקליכער פון אלצדינג איז דער שלאף. קוים לעג איך זיך אריין אין בעט און הויב אן איינצודרעמלען, אז עס פאנגט אן ריי־סען און צופען אין דער לינקער זייט! און אין פלייצע און אין קאפ קלאפט עס ווי מיט האמערס... כ'שפרינג אויף ווי א פעררי־קטער, געה ארום א ווייל, דערנאך לעג איך זיך ווידער, אבער ווי איך

שלאף נאר איין, אהא ווידער א קראמפף אין זייט! און אזוי געהט עס אפשר צוואנציג מאל...

נאטאליא סטעפאנאוונא קומט פון רעכטס.

## דריטער אויפטריט.

נאטאליא סטעפאנאוונא, לאמאוו.

נאטאליא סטעפאנאוונא: אה, אזוי! דאס זייט איהר גאר, און פאפא זאגט: געה אקארשט ארויס, א סוחר איז געקומען, קויפען וואארע. גוטען טאג אייך, איוואן וואסיליטש.

לאמאוו: גוטען טאג, געעהרטע נאטאליא סטעפאנאוונא!

נאטאליא סטעפאנאוונא: ענטשולדיגט וואס איך טראג דעם פארטוך און געה אין א הויז־קלייד... מיר רייניגען זאנגען צום טריקענען. פארוואס האט מען אייך אזוי לאנג ניט גע־זעהן? זיצט... (זיי זעצען זיך). איהר ווילט אפשר עפעס אנ־בייסען?

לאמאוו: ניין, א דאנק, איך האב שוין געגעסען.

נאטאליא סטעפאנאוונא: איהר רויכערט... אט האט איהר שוועבלאך... ס'ארא שעהן וועטער מיר האבען היינט, און נעכטען האט שטארק גערעגענט, אז די ארבייטער האבען גארנישט געקענט טהאן דעם גאנצען טאג. וויפיעל קופות האט איהר אראבגענומען? וואס זאגט איהר פארט, ווי גייציג איך בין! כ'האב געהייסען אראבשניידען די גאנצע היי פון פעלד, און אצינד פערדריסט מיך שוין, כ'האב מורא, ס'זאל ניט פערפוילט ווערן. כ'וואלט שוין בעסער געווען, ווען איך וואלט אבגעווארט אביסעל. זעהט, וואס איז דאס עפעס? איהר געהט גאר אין א פראק? דאס איז ווירקליך א נייעס! איהר פאהרט אויף א באל? צי וואס? יא, און לאמיך אייך טאקי אין איין וועגס זאגען, אז איהר זייט עפעס גאר שעהנער געווארען... אויף מיין ווארט... וואס האט איהר זיך טאקי אזוי אויסגעפוצט?

לאמאוו (אויפגערעגט): זעהט איהר, געעהרטע נאטאליא

סטעפאנאוונא... ס'האנדעלט זיך וועגען דעם, אז איך האב מיך ענטשלאסען אייך צו בעטען, איהר זאלט מיך אויסהערען... נאטירליך וועט איהר זיך וואונדערן און זאגאר בייז זיין אויף מיר, נאר איך... (אן א זייט). ווי שרעקליך קאלט עס איז!

נאטאליא סטעפאנאוונא: וועגען וואס האנדעלט עס זיך? (פאוזע). נו?

לאמאוו: איך וועל מיר געבען די מיה, צו מאכען עס בקיצור. געעהרטע נאטאליא סטעפאנאוונא, איהר ווייסט דאך, אז איך האב שוין לאנג, נאך פון קינדווייז אן, די עהרע צו קענען אייער פאמיליע. מיין זעליגע טאנטע און איהר מאן, פון וועמען איך האב, ווי איהר ווייסט, געקראגען בירושה די אימעניע, האבען שטענדיג געהאט דעם גרעסטען רעספעקט פאר אייער פאטער און פאר אייער זעליגער מוטער. די לאמאווס און די טשובוקאווס זיינען זייט לאנג, לאנג צוריק געווען בעפריינדעט, מען קען זאגאר זאגען פערוואנדעט איינע מיט די אנדערע. דעריבער טאקי גרעניצט זיך מיין שטיק ערד, ווי איהר ווייסט, אזוי נאהענט מיט אייערס. אז איהר ווילט אזוי גוט זיין און זיך דערמאנען, ליגען מיינע אקסען-פעלדער הארט לעבען אייער בערעזאוועץ וואלד.

נאטאליא סטעפאנאוונא: ענטשולדיגט, כ'מוז אייך איבערשלאגען. — איהר זאגט „מיינע אקסען-פעלדער"... וואס זשע, זיי זיינען גאר אייערע?

לאמאוו: יא, מיינע....

נאטאליא סטעפאנאוונא: אט האסטו דיר! די אקסען-פעלדער געהערען צו אונז און ניט צו אייך!

לאמאוו: ניין—צו מיר, געעהרטע נאטאליא סטעפאנאוונא!

נאטאליא סטעפאנאוונא: נא דיר גאר א נייעס! ווי אזוי געהערען זיי דאס צו'ן אייך?

לאמאוו: וואס—ווי אזוי? כ'רייד פון יענע פעלדער וואס ליגען צווישען אייער בערעזאוועץ וואלד און דער ציגעל-ערד.

נ א ט א ל י א  ס ט ע פ א נ א ו ו נ א: הערסטו, אט טאקי די... זיינען אונזערע...

ל א מ א ו ו: נייז, איהר האט א טעות, געעהרטע נאטאליא סטעפאנאוונא, זיי זיינען מיינע.

נ א ט א ל י א  ס ט ע פ א נ א ו ו נ א: דערמאנט זיך נאר אקארשט גוט, איוואן וואסיליטש! ס'איז שוין לאנג, אז איהר האט זיי געקראגען?

ל א מ א ו ו: ווי לאנג? אזוי ווייט ווי איך קען מיר נאר עראינערן, האבען זיי תמיד געהערט צו מיר.

נ א ט א ל י א  ס ט ע פ א נ א ו ו נ א: נא, ס'הויבט זיך אפילו ניט אן. איהר וועט מיר ענטשולדיגען!

ל א מ א ו ו: מען קען דאך נעהמען די פאפירען און זעהן, געעהרטע נאטאליא סטעפאנאוונא. ווענען די אקסען־פעלדער האט מען זיך אמאל געאמפערט, דאס איז אמת—איצט אבער וויים די גאנצע וועלט, אז זיי געהערען מיר. ניטא מעהר צו אמפערן זיך דעריבער. פערשטעהט איהר מיך: מיין מוהמעס באבע האט די פעלדער אויף אן אונבעשטימטער צייט אומזיסט אבגעגעבען צו די מוזשיקעס פון אייער געעהרטען פאטער'ס זיידען, בתנאי אז זיי זאַלען דערפאר ברענען דער באבע'ס ציגעל. די בויערן פון אייער געעהרטען פאטער'ס זיידען האבען די פעלדער בענוצט אן ערך פערציג יאהר אהן געצאהלט און האבען זיך אזוי איינגעוועהנט צו בעטראכטען דאס פאר זייער אייגענטהום. שפעטער אבער, אז ס'איז ארויס דער אוקאז...

נ א ט א ל י א  ס ט ע פ א נ א ו ו נ א: ס'איז גאר ניט אזוי, ווי איהר דערצעהלט! מיין זיידע און מיין אורזיידע זיינען געווען איבערצייגט, אז זייערע שטיקער ערד ציהען זיך ביז צו די בלאטעס—דאס הייסט אלזא, אז די אקסען־פעלדער זיינען אונזע־רע. וואס איז דא פאראן זיך צו אמפערן? איך פערשטעה גאר ניט... ס'איז ווירקליך א פערדרוס!

ל א מ א ו ו: כ'וועל אייך צייגען די פאפירען, נאטאליא סטעפאנאוונא.

נאטאליא סטעפאנאוונא: נייז, איהר שפאסט גאנץ איינפאך אדער איהר נעהמט מיך אויף זיכער... האסט גע־הערט אביסעל! מיר האבען שוין דאס שטיק ערד באלד דריי הונ־דערט יאהר און פלוצים זאגט מען אונז אז, אז עס געהערט ניט צו אונז! איוואן וואסיליטש, פערצייהט, אבער כ׳גלויב גאר מיינע אייגענע אויערן ניט... פאר מיר האבען די פעלדער א קנאפע ווער־דע. ס׳זיינען בסך הכל ניט מעהר ווי פינף דעסיאטין און זיינען ווערטה א פאר הונדערט רובעל, אז ערך 300 רובעל, אבער מיך פערדריסט די אונגעעכטיגקייט. זאגט אייך וואס איהר ווילט, אבער אונגערעכטיגקייט קען איך ניט פערטראגען.

לאמאוו: הערט נאר אויס ביז צום סוף, איך בעט אייך! די מוזשיקעס פון אייער געעהרטען פאטער׳ס זיידען, ווי איך האב שוין געהאט די עהרע אייך צו זאגען, האבען פאר מיין מוהמע׳ס באבע געברענט ציגעל. די מוהמע׳ס באבע האט זיי געוואלט מיט עפעס בעפרידיגען...

נאטאליא סטעפאנאוונא: זיידע, באבע, מוהמע... וואס געהט מיך דאס אלצדינג אן? די פעלדער זיינען אונזערע און האדיע!

לאמאוו: נייז, מיינע!

נאטאליא סטעפאנאוונא: אונזערע! אז איהר וועט אפילו צוויי טעג נאכאנאנד בעווייזען, און אז איהר וועט זיך אנטהאן אין פופצעהן פראקען, זיינען זיי פארט אונזערע, אונזע־רע, אונזערע!.. דאס וואס געהערט אייך, פערלאנג איך ניט, אבער כ׳וויל אויך ניט פערלירען דאס, וואס געהערט צו מיר!

לאמאוו: די פעלדער, נאטאליא סטעפאנאוונא, דארף איך ניט, כ׳טהו דאס נאר אוים פרינציפ. אויב אייך איז ליעב, אדרבה... שיינק איך זיי אייך.

נאטאליא סטעפאנאוונא: איך קען זיי אייך שיינקען, ווייל זיי געהערען צו מיר!.. דאס איז דאך עפעס גאר א מאדנע זאך, איוואן וואסיליטש! מיר האבען אייך ביז אהער גע־האלטען פאר א גוטען שכן, פאר א פריינד. פאר־א־יאהרען האבען

מיר אייך אוועקגעגעבען אונזערע דרעש־מאשינען און מיר האבען צוליעב דעם ערשט אין מאנאט נאוועמבער געמוזט דערענדיגען דרעשען אונזער תבואה, און איהר בעהאנדעלט אונז ווי די ציגייינער. איהר שיינקט מיר אוועק מיין אייגען שטיק ערד. ענטשולדיגט, אזוי האנדלען ניט קיין שכנים. נאך מיין מיינונג איז עס זאגאר א חוצפה, א פרעכהייט... ווען איהר ווילט...

לאמאוו: נאך אייער מיינונג בין איך, הייסט עס, א פערכאפער, א גנב? מיין גנעדיגע, אין מיין לעבען האב איך ניט פערנומען קיין פרעמדע ערד, און איך ערלויב קיינעם ניט מיך אין דעם צו בעשולדיגען... (ער געהט צו שנעל צו דער פלאש און טרינקט וואסער). די אקסען־פעלדער זיינען מיינע!

נאטאליא סטעפאנאוונא: ס'איז ניט אמת! אונזערע!

לאמאוו: מיינע!

נאטאליא סטעפאנאוונא: ניט אמת! כ'וועל עס אייך בעווייזען! היינט נאך שיק איך מיינע תבואה־שניידער אויף דיעזע פעלדער!

לאמאוו: וו—א—ס?

נאטאליא סטעפאנאוונא: היינט וועלען מיינע לייט דארט זיין!

לאמאוו: און איך וועל זיי דורכטרייבען!

נאטאליא סטעפאנאוונא: זאל אייך גאט אריינגעבען אזא זינן!

לאמאוו (כאפט זיך אן ביים הארצען). די אקסען־פעלדער זיינען מיינע, איהר פערשטעהט? מיינע!

נאטאליא סטעפאנאוונא: כ'בעט אייך, שרייט נאר ניט! ביי אייך אין דערהיים קענט איהר שרייען און פאר כעס בלאזען וויפיעל איהר ווילט, אבער דא, בעט איך אייך, זיך צו האלטען ווי א מענש!

לאמאוו: מיין גנעדיגע, וואלט איך נאר ניט געהאט אזא מורא'דיגע הארצקלאפעניש און וואלט מיר נאר ניט אזוי געהאמערט

אין די שלייפעז, וואלט איהר שוין פון מיר געהערט גאר אנדערע דבורים! (שרייט): די אקסענ־פעלדער זיינעז מיינע!

נ א ט א ל י א ס ט ע פ א נ א ו נ א: אונזערע!

ל א מ א ו: מיינע!

טשובוקאוו קומט ארין פון רעכטס.

## פערטער אויפטריט.

די פאריגע. טשובוקאוו.

ט ש ו ב ו ק א ו ו: וואס טהוט זיך דא? פארוואס שרייט איהר אזוי?

נ א ט א ל י א ס ט ע פ א נ א ו נ א: פאפא, ערקלעהר דו כאטש אט דעם העררן דא. וועמעז געהערעז די אקסענ־פעלדער: אונז אדער איהם?

ט ש ו ב ו ק א ו ו (צו לאמאוו'ן): אוצר מיינער! די פעלדער געהערעז אונז!

ל א מ א ו ו: אבער אום גאטעס ווילעז, סטעפאן סטעפאנא־וויטש, ווי אזוי געהערען זיי צו אייך? זייט איהר כאטש א פער־נינפטיגער מענש! מיין מוהמע'ס באבע האט די פעלדער אויף א געוויסער צייט אומזיסט אבגעגעבען אייער זיידעז'ס מוזשיקעס. די בויערן האבען די ערד בענוצט א פערציג יאהר צייט און האבען זיך דערצו געוועהנט ווי צו זייער אייגענס, נאר אז ס'איז ארוים דער אוקאז...

ט ש ו ב ו ק א ו ו: ערלויבט אקארשט, טייערסטער... איהר פערגעסט, אז גראד אייער באבע'ס מוזשיקעס האבען נישט גע־צאהלט און אזוי ווייטער, ווייל מען האט גראד דעמאלט געפיהרט א פראצעס וועגען די פעלדער און אזוי ווייטער... און אצינד ווייס יעדער הונד, אז זיי געהערען צו אונז. איהר האט הפנים דעם פלאן נים געזעהן!

ל א מ א ו ו: און איך וועל אייך בעווייזען, אז זיי געהערעז צו מיר.

ט ש ו ב ו ק א ו ו: איהר וועט עס ניט בעווייזען, מיין ליעבינקער.

ל א מ א ו ו: נייז, איך וועל עס בעווייזען!

ט ש ו ב ו ק א ו ו: טייערינקער, נאך וואס טויג אייך אזוי שרייען? גראד מיט געשריי וועט איהר אם ווענינגסטען בעווייזען. איך פערלאנג ניט חלילה אייערס און כ'האב ניט בדעה אבצוטרעטען מיינס. צו וואס זאל איך עס טהאן? אז ס'איז שוין יא געקומען אזוי ווייט, מיין ליעבער, אז איהר מיינט טאקי איז דער אמת'ן ביי אונז אבצונעהמען די פעלדער, און אזוי ווייטער, וועל איך זיי ליעבערשט אוועקשיינקען די מוזשיקעס איידער אייך! גאנץ געווים!

ל א מ א ו ו: איך פערשטעה ניט! וואס פאר א רעכט האט איהר איבערהויפט אוועקצושיינקען פרעמדעס אייגענטהום?

ט ש ו ב ו ק א ו ו: איהר וועט דאך מיר מסתמא ערלויבען צו וויסען, אויב איך האב יא א רעכט דערצו אדער ניט. יונגער מאן, כ'בין ניט געוואוינט, מען זאל מיט מיר ריידען אין אזא טאן און אזוי ווייטער. איך, יונגער מאן, בין צוויי מאל אזוי אלט ווי איהר, און כ'בעט, צו ריידען צו מיר רוהיג און אזוי ווייטער.

ל א מ א ו ו: נייז, איהר האלט מיך פשוט פאר א נאר און מאכט חוזק פון מיר! איהר רופט אז מיין שטיק ערד אייערס און איהר ווילט איך זאל דערביי בלייבען גלייכגילטיג און ריידען צו אייך ווי א מענש. אזוי בענעהן זיך ניט קיין גוטע שכנים, סטעפאן סטעפאנאוויטש! איהר זייט ניט קיין שכן, א פערכאפער זייט איהר!

ט ש ו ב ו ק א ו ו: וואַ—אס? וואס האט איהר געזאגט?

נ א ט א ל י א ס ט ע פ א נ א ו ו נ א: פאפא, שיק שוין אוועק די תבואה-שניידער אויף די פעלדער!

ט ש ו ב ו ק א ו ו (צו לאמאוו'ן): וואס האט איהר געזאגט, געעהרטער הערר?

נ א ט א ל י א ס ט ע פ א נ א ו ו נ א: די אקסען-פעלדער זיינען אונזערע, און איך טרעט זיי ניט אב, כ'טרעט זיי ניט אב, כ'טרעט זיי ניט אב!

ל א מ א ו ו: דאס וועלען מיר נאך זעהן! כ׳וועל אייך פאר׳ן געריכט בעווייזען, אז זיי געהערען צו מיר!

ט ש ו ב ו ק א ו ו: פאר׳ן געריכט? איהר קענט קלאגען אין געריכט, געעהרטער הערר, און אזוי ווייטער, איהר קענט! ניש־קשה, איך קען אייך ווער איהר זייט! איהר ווארט דאך נאר אויף א געלעגענהייט צו פיהרען פראצעסען און אזוי ווייטער... אן אינטרי־גאנט זייט איהר! אייער גאנצע פאמיליע האט זיך כסדר געזוכט אזעלכע עסקים׳לאך, די גאנצע!

ל א מ א ו ו: כ׳בעט מיין פאמיליע ניט צו בעליידיגען. אלע וואס האבען אבגעשטאמט פון די לאמאוום זיינען געווען עהרליך, און ס׳איז קיין איין איינציגער ניט געווען, וואס איז געשטעלט גע־ווארען צום געריכט פאר שווינדעל, ווי אייער פעטערל!

ט ש ו ב ו ק א ו ו: און אין אייער לאמאווער פאמיליע זיי־נען אלע געווען משוגע!

נ א ט א ל י א ס ט ע פ א נ א ו ו נ א: אלע, אלע, אלע!

ט ש ו ב ו ק א ו ו: דער זיידע אייערער איז געווען אן איינפא־בער פיאניצע, און די אינגערע מוהמע, די נאסטאסיא מיכאילאוונא, איז אנטלאפען מיט אן ארכיטעקט, און אזוי ווייטער.

ל א מ א ו ו: און אייער מוהמע האט געהונקען אויף א פוס. (ער כאפט זיך פאר׳ן הארצען). ס׳ציהט אין דער זייט... אין קאפ קלאפט ווי מיט האמערס... גאט אין הימעל!.. וואסער!

ט ש ו ב ו ק א ו ו: און דער טאטעלע אייערער איז געווען א קארטען־שפיעלער און א זולל וסובא!

נ א ט א ל י א ס ט ע פ א נ א ו ו נ א: אייער מוהמע — א פלאפלערקע, וואס גיט ניט נאך איינע אין דער וועלט!

ל א מ א ו ו: ביי מיר איז דער לינקער פוס געלעהמט... און איהר זייט אן אינטריגאנט... אה, דאס הארץ!.. און ס׳איז פאר קיינעם קיין סוד ניט, אז איהר האט ביי די וויבארעס געשווינ־דעלט... עס שווינדעלט מיר אין די אויגען... וואו איז ערגעץ מיין הוט?

נאטאליא סטעפאנאוונא: ווי נידערטרעכטיג! ליגנער! געמיינער לומפ!

טשובוקאוו: איהר אליין זייט א געמיינער היפאקריט! אז עקעלהאפטער ליגנער! יא—יא!

לאמאוו: אט איז דער הוט... איי דאס הארץ... וואוהיז געהט מען? איך קען ניט, די פיס פלאנטערן זיך... (ער געהט צו דער טיר).

טשובוקאוו: אייער פוס זאל דא מעהר ניט זיין!

נאטאליא סטעפאנאוונא: פערקלאגט אונז איז געריכט! מיר וועלען זעהן.

לאמאוו געהט זיך וואקלענדיג אב דורך די מיטעלסטע טיר.

## פינפטער אויפטריט.

טשובוקאוו. נאטאליא סטעפאנאוונא.

טשובוקאוו (צארנדיג): צום טייוועל!

נאטאליא סטעפאנאוונא: אזא גארנישט! און געה גלויב נאך איז גוטע שכנים!

טשובוקאוו: שורקע! רויבפויגעל! שד!

נאטאליא סטעפאנאוונא: אזא מיאוס'ע קא־ליקע, פערכאפט א פרעמדע שטיק ערד און האט נאך די העזה צו זידלען זיך.

טשובוקאוו: און אט דאס פערזעהעניש, וואס האט א פנים ווי א היהנערשע פיסעל, פערגינט זיך נאך צו קומען א שדוך־טהאן, און אזוי ווייטער.

נאטאליא סטעפאנאוונא: וואס פאר א שדוך?

טשובוקאוו: נו יא! ער איז דאך געקומען א חתן ווע־רען פאר דיר.

נאטאליא סטעפאנאוונא: א חתן ווערן? פאר מיר? פארוואס האסטו עס מיר פריהער ניט געזאגט?

טשובוקאוו: ער האט זיך דאך טאקי צוליעב דעם אנ־געטהאן איז פראק. אזא דארע קישקע, אזא סמארקאטש!

נאטאליא סטעפאנאוונא: א חתן פאר מיר? אך! (זי פאלט אין אן ארם־שטוהל און קרעכצט). מען זאל איהם ברייננען צוריק! אך! צוריקברייננען!

טשובוקאוו: וועמען צוריקברייננען?

נאטאליא סטעפאנאוונא: גיכער, גיכער! מיר איז שלעכט! צוריקברייננען! (היסטערישער אנפאל).

טשובוקאוו: וואס טהוט זיך דא? וואס איז דיר? (כאפט זיך פאר'ן קאפ). כ'בין אן אונגליקליכער מענש! כ'וועל זיך דערשיסען! אויפהענגען וועל איך זיך! מען פערמוטשעט מיך צום טויט!

נאטאליא סטעפאנאוונא: אוי כ'שטארב! צוריקברייננען!

טשובוקאוו: פפוי! גלייך, וואיע ניט אזוי! (ער לויפט ארויס דורך די מיטעלסטע טיר).

נאטאליא סטעפאנאוונא (אליין, קרעכצט): וואס האט מען מיר דא אנגעמאכט? ברייננט איהם צוריק! צוריק ברייננט איהם!

טשובוקאוו (קומט צו לויפען): באלד, באלד קומט ער, און אזוי ווייטער. כאפט איהם דער טייוועל! אוף! רעד דו אליין מיט איהם, איך וויל עס ניט און אזוי ווייטער.

נאטאליא סטעפאנאוונא (קרעכצט): צוריקברייננען!

טשובוקאוו: ער קומט, זאגט מען דיר. אה, רבונו של עולם! וואס פאר א שווערע איפגאבע דאס איז צו זיין א פאטער פון אן ערוואקסענער טאכטער! איך וועל מיר איבערשניידען דעם האלז! בעשטימט וועל איך מיר דעם האלז איבערשניידען! מען האט זיך מיט דעם מענשען ארומגעריסען, אויסגעזידעלט, דורכגעטריבען... און דאס אלץ האסטו געטהאן... דו!

נאטאליא סטעפאנאוונא: נייז, דו!

טשובוקאוו: נו געווים, איך בין שולדיג! אבער ווארט אקארשט, קוואטערקע מיינע, און אזוי ווייטער, טאמער דערשיס איך

זיך אדער כ'הענג זיך אויף, זאלסטו וויסען, אז דו ועסט איז דעם שולדיג זיין! דו האסט מיר געבראכט דערצו! נאר דו! (איז דער טיר בעווייזט זיך לאמאוו). נא, רעד אליין מיט איהם! (געהט אב).

לאמאוו קומט אריין פערסאפעט.

## זעקסטער אויפטריט.

נאטאליא סטעפאנאוונא. לאמאוו.

ל א מ א ו ו: מורא'דיגע הארצקלאפעניש... דער פוס איז גע־לעהמט... און אין דער זייט שטעכט...

נ א ט א ל י א ס ט ע פ א נ א ו ו נ א: פערצייהט, מיר האבען זיך אביסעל צוהיצט, איוואן וואסיליטש... איך דערמאן זיך אצינד... די אקסען־פעלדער געהערען טאקע אייך.

ל א מ א ו ו: ס'הארץ קלאפט שרעקליך... מיינע אקסען־פעל־דער... ביידע ברעמען ציהען...

נ א ט א ל י א ס ט ע פ א נ א ו ו נ א: אייערע, אייערע אקסען־פעלדער... זיצט ביי אונז... (זיי זעצען זיך). מיר האבען געהאט אונרעכט...

ל א מ א ו ו: מיר איז עס געגאנגען אום פרינציפ... דאס שטיק ערד איז מיר נישט טייער, אבער דאס פרינציפ איז מיר טייער...

נ א ט א ל י א ס ט ע פ א נ א ו ו נ א: טאקי דאס פרינ־ציפ. לאמיר רעדען פון עפעס אנדערש.

ל א מ א ו ו: בפרט נאך אז איך האב די בעווייזע: מיין מוה־מע'ס באבע האט די מוזשיקעס פון אייער געעהרטען פאטער'ס זיי־דען...

נ א ט א ל י א ס ט ע פ א נ א ו ו נ א: גענוג, גענוג דער־פון... (אן אזייט). כ'וויים גאר ניט ווי מען הויבט אן... (צו לאמאוו'ן) איהר געהט באלד אויף דער יאכט?

ל א מ א ו ו: יא, געעהרטע נאטאליא סטעפאנאוונא. נאך שניט־צייט רעכען איך אנצופאנגען. אך, האט איהר געהערט?

וואס פאר אן אונגליק! מיין הונד אוגאדאי, איהר קענט איהם דאך, הינקט!

נאטאליא סטעפאנאוונא: ס'א שאד! פאר־וואס עפעס?

לאמאוו: כ'ווייס ניט... מסתמא האט ער זיך אויסגע־לונקען א פוס, אדער אנדערע הינד האבען איהם געביסען. (זיפצט). דער בעסטער הונד, שוין ניט ריידענדיג וועגען דעם געלד! כ'האב דאך מיראנאוו'ן בעצאהלט 125 רובעל פאר איהם.

נאטאליא סטעפאנאוונא: איהר האט איבער־געצאהלט, איוואן וואסיליטש!

לאמאוו: נאך מיין מיינונג נאך איז ער זעהר ביליג. א וואונדערבארער הונד.

נאטאליא סטעפאנאוונא: פאפא האט פאר זיין אטקאטאי מעהר ניט געגעבען ווי 85 רובעל, און אטקאטאי איז דאך ניט אן ערך א בעסערער הונד איידער אייער אוגאדאי.

לאמאוו: אזוי... אטקאטאי איז בעסער ווי אוגאדאי! וואס אייך פאלט איין! (ער לאכט). אטקאטאי איז בעסער ווי אוגאדאי!

נאטאליא סטעפאנאוונא: נאטירליך בעסער! אטקאטאי, ס'איז אמת, איז נאך יונג און האט נאך ניט אבגעוואר־פען, אבער אויף'ן יאגד און אויך איז א וועטע מיט צוויי, דריי אנדע־רע איז גאר קיין בעסערעס פון איהם ניטא. אפילו ביים...

לאמאוו: ערלויבט, נאטאליא סטעפאנאוונא, איהר פער־געסט אבער, אז די אונטערשטע באק־צייהנער זיינען ביי איהם קורץ, און א הונד מיט קורצע אונטערשטע באק־צייהנער קען ניט גוט אנפאקען.

נאטאליא סטעפאנאוונא: קורצע אונטערסטע באק־צייהנער? הער איך צום ערשטען מאל!

לאמאוו: איך פערזיכער אייך, די אונטערשטע באק־צייה־נער זיינען קירצער ווי די אויבערשטע.

נ א ט א ל י א  ס ט ע פ א נ א װ נ א: װאָס זשע, איהר האָט זיי געמאַמסטעז

ל אַ מ אַ ו: יאָ, כ'האָב געמאַסטעז. צום לױפּעז טױג ער נאַטירליך, אַבער אױפצוכאַפּעז, א פּאַק צו טהאָן... דאָס ניט...

נ א ט א ל י א  ס ט ע פּ א נ אַ ו נ א: ערשטענס איז אונ־זער אַטקאַטאַי פון רײנער אַבשטאַמונג, פולבלוטיג; ער איז סאָ־פּרגאַי'ס און כטאַמעסקי'ס א זוהן, און װעגעז אײער שטיק צרה װײס מעז גאָר ניט, פון װאַנעז ער קומט ארױס... א חוץ דעם איז אײערער אַלט און העסליך װי אַז אַבגעליזעװעטע קלאַטשע...

ל אַ מ אַ ו: אַלט, געװיס! כ'נעהם פאַר איהם ניט קײן פינף אײערע אַטקאַטאַיס... ס'איז לעכערליך זיך צו אַמפּערן... אַזױנע װי אײער אַטקאַטאַי געפינט מעז אַזױ פיעל בײ יעדעז הונד־הענדלער, אַז מעז װאָלט מיט זײ געקענט אַנפילען א גאַנצען טײך.

נ א ט א ל י א  ס ט ע פ א נ אַ ו נ א: בײ אײך, איװאַן װאַסיליטש, זיצט הײנט עפּעס א בײזער גײסט פון װידערשפּרוך, אַט זײנעז די פעלדער אײערע און אַט איז אוגאַדאַי בעסער װי אַט־קאַטאַי. פע, כ'האָב פײנט, אַז א מענש רעדט ניט דאָס װאָס ער דענקט. איהר װײסט דאָך אַלײן גאַנץ גוט, אַז אַטקאַטאַי איז הונדערט מאָל בעסער װי אײער... אַט דער נאַרישער אוגאַדאַי. צו װאָס זשע טױג אײך זאָגעז פּונקט פערקעהרט?

ל אַ מ אַ ו: איך זעה, נאַטאַליא סטעפאַנאָװנאַ, אַז איהר האַלט מיך פאַר א בלינדעז אָדער אײנפאַך פאַר א נאַר. אַבער פער־שטעהט דאָך אײנמאָל פאַר אַלע מאָל, אַז בײ אַטקאַטאַי'ן זײנעז די אונטערשטע באַק־צײהנער קירצער!

נ א ט א ל י א  ס ט ע פּ א נ אַ ו נ א: ס'איז ניט אמת!

ל אַ מ אַ ו: יאָ, קורצע אונטערשטע באַק־צײהנער!

נ א ט א ל י א  ס ט ע פּ א נ אַ ו נ א (שרײט): ניט אמת!

ל אַ מ אַ ו: פאַרװאָס שרײט איהר אַזױ, מײן גנעדיגע?

נ א ט א ל י א  ס ט ע פּ א נ אַ ו נ א: פאַר װאָס רעדט איהר אַזעלכע דומהײטעז? דאָס איז דאָך אײנפאַך הימעל־שרײענד!

כ'איז שוין לאנג צייט געווען, אייער אונאדאי צו דערשיסען, און איהר פערגלייכט איהם מיט אטקאטאי'ן!

ל א מ א ו ו: ענטשולדיגט, כ'קען ניט פארטזעצען דיזען שטרייט. איך האב הארצקלאפעניש.

נ א ט א ל י א ס ט ע פ א נ א ו ו נ א: איך האב בעמערקט, אז גראד די יעגער וואס פערשטעהען אם וועניגסטען, שפארען זיך אם מייסטען.

ל א מ א ו ו: מיין גנעדיגע, איך בעט אייך, שווייגט... דאס הארץ ווערט מיר צופלאצט... (ער שרייט). שווייגט!

נ א ט א ל י א ס ט ע פ א נ א ו ו נ א: כ'וועל ניט אנשווייגען ווערען ביז וואנען איהר וועט ניט צוגעבען, אז אטקאטאי איז הונדערט מאל בעסער ווי אייער אוגאדאי!

ל א מ א ו ו: הונדערט מאל ערגער. קראפירען זאל ער אייער אטקאטאי, אוי, די שלייפען... די אויגען... די פלייצע...

נ א ט א ל י א ס ט ע פ א נ א ו ו נ א: און אייער דומער אוגאדאי פערשפארט שוין צו קראפירען, ווייל עס איז סיי ווי סיי אזוי ווי קראפירט!

ל א מ א ו ו (וויינט): שווייגט! איך האב א הארץ־שלאג...

נ א ט א ל י א ס ט ע פ א נ א ו ו נ א: ניין, כ'וועל ניט שווייגען.

טשובוקאוו קומט אריין.

## זיעבעטער אויפטריט.

די פריהערדיגע. טשובוקאוו.

ט ש ו ב ו ק א ו ו: וואס איז שוין דא ווייטער?

נ א ט א ל י א ס ט ע פ א נ א ו ו נ א: פאפא, זאג דעם אמת. ביי דיין עהרען־ווארט: וועלכער הונד איז בעסער — אונזער אטקאטאי אדער זיין אוגאדאי?

ל א מ א ו ו: סטעפאן סטעפאנאוויטש, איך בעט אייך, זאגט בלויז איין זאך: זיינען די אונטערשטע באק־צייהנער ביי אייער הונד קירצער אדער ניט? יא צי ניין?

טשובוקאוו: און אז יא? א גרויסע זאך! דערפאר איז איז גאנצע געגענעד ניטא קיין בעסערער הונד פאר איהם, און אזוי ווייטער.

לאמאוו: אבער מיין אוגאדאי איז דאך בעסער? זאגט דעם אמת!

טשובוקאוו: רעגט זיך נאר ניט אויף, טייערסטער!.. ערלויבט... אייער אוגאדאי האט זיך טאקי זיינע גוטע מעלות... ער איז פון גוטער אבשטאמונג, האט קרעפטיגע פיס, שטארקע לענדען און אזוי ווייטער. אבער דער הונד, אויב איהר ווילט עס וויסען, מיין ליעבער, האט צוויי חסרונות: ער איז אלט און די אונטערשטע באק־צייהנער זיינען ביי איהם קורץ.

לאמאוו: ענטשולדיגט, כ'האב הארץ־קלאפעניש... לאמיר נעהמען פאקטען... ווילט איהר זיך דערמאנען, אויף מארוסקינס פעלדער איז מיין אוגאדאי געגאנגען אויער ביי אויער מיט דעם גראפישען ראזמאכאי און אייער אטקאטאי איז געבליבען אויף א גאנצען ווארסט הינטערשטעליג.

טשובוקאוו: ער איז הינטערשטעליג געבליבען, ווייל דעם גראף'ס אויפזעהער האט איהם דערלאנגט מיט דער בייטש.

לאמאוו: ער האט כשר פערדיענט. אלע הינד לויפען נאך דעם פוקס, און אטקאטאי האט זיך גענומען בייסען א ציעג!

טשובוקאוו: דאס איז ניט וואהר... מיין ליעבער... איך בין אויפגערעגט און דעריבער בעט איך, לאמיר בעסער אויפהערען זיך צו אמפערן. ער האט איהם א שמיץ געטהאן ווייל יעדער איינער קוקט מיט קנאה אויף א פרעמדען הונד פון גוטער אבשטאמונג... יא, אלע זיינען מקנא. אויך איהר, מיין הערר, זייט ניט ריין פון זינד! ווי נאר איהר בעמערקט, אז אימיצענס הונד איז בעסער ווי אייער אוגאדאי, הויבט איהר שוין גלייך אן... דאס... יענעס... זיינער... מיינער... און אזוי ווייטער... נישקשה, איך געדענק אלצדינג!

לאמאוו: און איך געדענק אויך!

ט ש ו ב ו ק אָ ו ו (קרימט איהם איבער): און איך געדענק אויך... וואָס געדענקט איהר אַזוינס?

ל אַ מ אָ ו ו: האַרצקלאַפּעניש... דער פּוס איז געלעהמט... איך קען ניט...

נ אַ ט אַ ל י אַ ס ט ע פּ אַ נ אָ ו ו נ אַ (מיט שפּאָט): האַרץ־קלאַפּעניש... וואָס פאַר אַ יעגער זייט איהר? איהר האָט בע־דאַרפט ליעגען אין קיך און קוועטשען דעם אויווען דאָרט, אָבער ניט יאָגען פוקסען! האַרץ־קלאַפּעניש!..

ט ש ו ב ו ק אָ ו ו: טאַקי איז דער אמת׳ן, וואָס זייט איהר מיר פאַר אַ יעגער? מיט אייערע קראַנקהייטען זיצט מען אין דערהיים און מען יאָגט זיך ניט אַרום אויף׳ן זאָטעל. ווען איהר וואָלט כאָטש געווען אַ יעגער, אָבער איהר פאָהרט דאָך נאָר אַרום, כדי איהר זאָלט זיך קענען שפּאַרען וועגען יענעמס הינד, און כדי איהר זאָלט קענען שטערן מענשען פון זייער רוה און אַזוי ווייטער. איך בין אויפגערעגט, לאָמיר בעסער וואַרפען דעם געשפּרעך, איהר זייט, הייסט עס, גאָר קיין יעגער ניט!

ל אַ מ אָ ו ו: און א י ה ר זייט אַ יעגער, האַ? איהר פאָהרט דאָך נאָר אויס, כדי זיך צוצושמייכלען צום גראַף, צו אינטריגירען... אוי, דאָס האַרץ... אינטריגאַנט וואָס איהר זייט!..

ט ש ו ב ו ק אָ ו ו: וואָס? איך בין אַן אינטריגאַנט? (ער שרייט): שווייגט!

ל אַ מ אָ ו ו: אינטריגאַנט!

ט ש ו ב ו ק אָ ו ו: אינגעל, קליינער הינטעל!

ל אַ מ אָ ו ו: אַלטער שטשור! יעזואיט!

ט ש ו ב ו ק אָ ו ו: שווייג! אַניט דערשיס איך דיך מיט׳ן ערגסטען געוועהר, ווי אַ קאַראַפּאַטקע! עזעל! טויבע נוס! קעשענע גנב!

ל אַ מ אָ ו ו: אַלע ווייסען אַז — אַך! דאָס האַרץ! — אַז אייער זעליגע פרוי האָט אייך די ביינער צובראָכען... אוי, דער פוס... די שלייפען... פונקען... איך פאַל אום, כ׳פאַל...

ט ש ו ב ו ק א ו ו: און דו ליעגסט ביי דיין עקאנאמקע אונ־טער'ן פאנטאפעל!

ל א מ א ו ו: אט דא... דא... דא... האט געפלאצט דאס הארץ. די פלייצע האט זיך אבגעריסען... וואו איז ערגעץ מיין פלייצע?.. איך שטארב. (ער פאלט אין פאטעל). דעם דאקטאר! (פאלט אין חלשות).

ט ש ו ב ו ק א ו ו: איינגעל! עזעל! אוי, מיר איז ניט גוט! (טרינקט וואסער). ווי ס'איבעלט מיר!

נ א ט א ל י א ס ט ע פ א נ א ו ו נ א: וואס זייט איהר מיר פאר א יעגער? איהר קענט דאך אפילו ניט זיצען אויף'ן פערד ווי ס'דארף צו זיין! (צום פאטער): פאפא, זעה נאר, וואס איז איהם? פאפא, גיב א קוק, פאפא! (זי יאמערט). איוואן וואסיליטש! ער איז טוידט!

ט ש ו ב ו ק א ו ו: מיר איז ניט גוט! כ'קען ניט אבכאפען דעם אטהעם!.. לופט!..

נ א ט א ל י א ס ט ע פ א נ א ו ו נ א: ער איז טוידט! (זי טרייסעלט לאמאוו'ן ביים ארבעל). איוואן וואסיליטש! איוואן וואסיליטש! וואס האבען מיר דא געטהאן? ער איז געשטארבען! (זי זינקט אין פאטעל). דעם דאקטאר! דעם דאקטאר! (היסטערישער אנפאל).

ט ש ו ב ו ק א ו ו: אך!.. וואס איז דארטען? וואס פעהלט דיר?

נ א ט א ל י א ס ט ע פ א נ א ו נ א (קרעכצט): ער איז טוידט!.. טוידט!

ט ש ו ב ו ק א ו ו: ווער איז געשטארבען? ווער איז טוידט? (א קוק טהאענדיג אויף לאמאוו'ן). ווירקליך, ער איז טוידט! גרוי־סער גאט! וואסער! דעם דאקטאר! (האלטענדיג דאס גלאז צו לא־מאוו'ס ליפען). טרינקט!.. נייז, ער טרינקט ניט!.. ער איז אלזא טוידט און אזוי ווייטער... אונגליקליכער מענש וואס איך בין? פארוואס שיס איך מיר ניט אריין א קויל אין שטערן? פארוואס

האב איך זיך שוין ביז איצט ניט איבערגעשניטען דעם האלז? אויף וואסווארט איך נאך? גיט מיר אהער א מעסער! א רעוואל־ווער גיט מיר אהער! (לאמאוו הויבט זיך אן ריהרען). ס'ווייזט אויס, ער קומט צו זיך... טרינקט אביסעל וואסער! אזוי...

לאמאוו: פונקען... טומאן... וואו בין איך ערגעץ?

טשובוקאוו: האט חתונה! שנעל... און צום טייוועל... זי וויל, זי ווילינגט איין! (ער לייגט אריין לאמאוו'ס הענד אין נאטא־ליא'ס). זי איז צופריעדען און אזוי ווייטער. איך בענש אייך און אזוי ווייטער. אבי לאזט מיך נאר צו רוה!

לאמאוו: הא, וואס? (זיך אויפהויבענדיג). וועמען?

טשובוקאוו: זי איז איינפערשטאנען! נו? צוקושט זיך און... און זאל אייך דער טייוועל ביידען קענען!

נאטאליא סטעפאנאוונא (קרעכצט): ער לעבט... יא, יא, איך בין איינפערשטאנען...

טשובוקאוו: צוקושט זיך!

לאמאוו: עה? וועמען? (ער און נאטאליא צוקושען זיך). זעהר אנגענעהם... ערלויבט, וועגען וואס האנדעלט זיך עס דא? אה, יא... איך פערשטעה... דאס הארץ... די פונקען... איך בין גליק־ליך, נאטאליא סטעפאנאוונא... (ער גיט איהר א קוש אין האנד). דער פוס איז געלעהמט...

נאטאליא סטעפאנאוונא: איך בין אויך גליק־ליך...

טשובוקאוו: אוף... אראב א יאך פון קאפ.

נאטאליא סטעפאנאוונא: און דאך, גיט כאטש איצט צו, אז אוגאדאי איז ערגער פון אטקאטאי'ן.

לאמאוו: בעסער!

נאטאליא סטעפאנאוונא: ערגער!

טשובוקאוו: נו, איצט הויבט זיך אן דאס פאמיליען־גליק! לחיים!

ל א מ אָ ו ו: בעסער!

נ א ט א ל י א ס ט ע פּ א נ אָ ו ו נ א: ערגער! ערגער! ערגער!

ט ש ו ב ו ק אָ ו ו (שטרענגט זיך אַן זיי אריבערצושרייען):

לחיים! לחיים! לחיים!

סאָרחאָנג.